STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08768

DI NATSYONALE UN IDISHE FRAGE IN ITSTIKN MOMENT

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. נאָוויק

די נאַציאָנאַלע און אידישע פראַגע אין איצטיקן מאָמענט

פּרייז: 35 סענט

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן־פרייהייט"
ניו יאָרק, האַרבסט, 1970

The National and Jewish Question at the Present Moment

by Paul Novick

This pamphlet contains two reports on The National and Jewish Question At the Present Moment, delivered in connection with the 100th anniversary of the birth of V. I. Lenin. One was given in Los Angeles, California, before the local YKUF (Jewish Cultural Association), the other before the leadership of the Jewish Cultural Clubs and Societies in New York.

* * *

Published by the Morning Freiheit

New York Autumn 1970

209

פ. נאָוויק

די נאַציאָנאַלע און אידישע פראַגע אין איצטיקן מאָמענט

אַריינפיר

דער לייענער וועט דאָ האָבן פאַר זיך, אין דער בראָשור, צוויי רעפעראַטן, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין משך פון דעם פעריאָד ווען די פאַרגעשריטענע טיילן פון דער מענטשהייט האָבן באַצייכנט דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון לענינען. דער רעפעראַט „נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט" איז געהאַלטן געוואָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין אָנהויב יאַנואַר 1969, אונטער דער אויפזיכט פון דעם אָרטיקן איקוף. דער רעפעראַט „די נאַציאָנאַלע און יידישע פראַגע אין איצטיקן מאָמענט" איז געהאַלטן געוואָרן דעם 6טן יאַנואַר 1970 אין ניו יאָרק, פאַר די טוער פון די קלובן און סאָסייעטיס. דאָ און דאָרטן וועט דער לייענער אפשר זיך אָנשטויסן אויף געוויסע ווידערהאָלונגען. ביידע רעפעראַטן האָבן פאַרשטייט זיך ווייט ניט אויסגעשעפּט די טעמע — די נאַציאָנאַלע און יידישע פראַגע אין דעם איצטיקן מאָמענט.

דער נאַציאָנאַלער ניהיליזם ווערט דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט אַן אַרבעט פון סאָוועטישן טעאָרעטיקער איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, עדוואַרד באַגראַמאָוו: „שאָוויניזם און נאַציאָנאַלער ניהיליזם אין דער אידעאָלאָגיע פון אימפעריאַליזם". אַזוי ווי אָבער געוויסע פּראָגרעסיווע עלעמענטן זיינען, לויט מיין מיינונג, גאַנץ היפש אָנגעשטעקט פון דעם נאַציאָנאַלן ניהיליזם — האַלט איך פאַרנויטיק דאָ אַרויסצוהייבן דעם דאָזיקן מאָמענט.

אין די טעזיסן וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט דעם 23טן דעצעמבער 1969 פאַרעפנטלעכט אין פאַרבינדונג מיט לענינס געבוירנטאָג, ווערט געזאָגט:

> „אין די אינטערעסן פונעם אַרבעטער קלאַס זיינען די קאָמוניסטן מחויב צו קעמפן סיי קעגן אונטערשאַצן די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן און סיי קעגן איבערטרייבן זיי. אין דעם קאַמף קעגן נאַציאָנאַלע אָפּנויגן און גרויס־מאַכט שאָוויניזם, גייט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרויס פונעם פאַקט, אַז ניט דער נאַציאָנאַליזם אין וועלכער עס איז פאָרם און ניט דער נאַציאָנאַלער ניהיליזם זיינען אין הסכם מיט סאָציאַליזם".

ברייט באַהאַנדלט די פראַגע ע. באַגראַמאָוו אין זיין דערמאָנטער אַרבעט. „שאָוויניזם און נאַציאָנאַלער ניהיליזם ווערן באַנוצט פונעם אימפעריאַליזם קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער קלאַס און דער באַפרייאונג־באַוועגונג", — שרייבט ע. באַגראַמאָוו. — „שאָוויניזם, אָט דער סאַמע עקסטרעמער און אָפענער נאַציאָנאַליזם, און דער נאַציאָנאַלער ניהיליזם האָבן אַלע מאָל געדעקט איינס דאָס אַנדערע".

באַגראַמאָוו ווייזט אָן אויפן אַנטי־סאָציאַליסטישן אינהאַלט פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און דעם שאָוויניזם; אַז שאָוויניזם האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער פאַרטיידיקונג פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן; אַז שאָוויניזם און אַנטי־סאָוועטיזם זיינען געווען די אינסטרומענטן פון היטלערן. און בשעת דער אימפעריאַליזם באַנוצט זיך מיטן שאָוויניזם ביי זיך אינדערהיים, כדי צו פאַרפירן די (אַמעריקאַנער) מאַסן, — אַז ער שלאָגט זיך, הייסט עס, פאַר זייערע אינטערעסן, באַנוצט ער זיך מיטן נאַציאָנאַלן ניהיליזם בנוגע אויסלאַנד. עס הייסט כלומרשט, אַז די פעלקער וואָס קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג גייען אויף פאַלשע וועגן, ווייל „די נאַציע, דער נאַציאָנאַלער שטאַט, האָט אָפּ־

געלעבט זיין צייט און האָמעוועט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, איז אפילו אַ געפּאַר פאַר דער ציוויליזאַציע". עס באַקומט זיך, אַז „אין דער איצטיקער סטאַדיע פון דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע קאָנען מענטשן ניט האָבן אַן אַנגעהעריקייט [גלייכצייטיק] סיי צו דער נאַציע און סיי צו דער מענטשלעכער ראַסע". באַגראַמאָוו לייקנט עס אָפּ.

„נאַציאָנאַלער ניהיליזם — שרייבט באַגראַמאָוו — איז באַזירט אויף צונעמען די רעכט פון דער מערהייט נאַציעס. ער איז דורכגעדרונגען מיט גרויסמאַכט שאָוויניזם און שליסט איין דעם געדאַנק וועגן דער אומגלייכער ווערטפולקייט פון נאַציעס".

באַגראַמאָוו רעדט דאָ וועגן די טעאָריעס פון „אינטעגראַציע", וועגן די „שמעלץ־טאָפּ" טעאָריעס, — טעאָריעס וואָס שטאַמען פון דער איינשטעלונג, אַז אַמעריקע איז דער פירער פון דער „פרייער וועלט". ער ווייזט אָן, אַז דער אימפּעריאַליזם זוכט צו לייזן די געגנזאַצן צווישן אים, דעם אימפּעריאַליזם, און נאַציאָנאַלער פרייהייט, דורך אויפלייזן נאַציעס אין אַן אַזוי־גערופענער „סופּער־נאַציאָנאַלער" געמיינשאַפט. מען זוכט צו שטעלן דאָס אוניווערסאַלע קעגן דעם נאַציאָנאַלן. און באַגראַמאָוו פירט אויס:

„אַרויסטרעטנדיק קעגן דער שטרעבונג פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, פּרובירן די בורזשואַזע אידעאָלאָגן דיסקרעדיטירן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דעם פּאַטריאָטיזם פון די פאָלקס־מאַסן. זיי [די בורזשואַזע אידעאָלאָגן] נעמען אָן, אַז נאַציאָנאַלע אַנגעהעריקייט און דאָס פאַרטיידיקן נאַציאָנאַלע אינטערעסן באַדייט אַלע מאָל און אומפאַרמיידלעך דאָס פאַרנאַכלעסיקן אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן, אָדער שטעלט אַוועק איין גרופּע נאַציעס קעגן דער אַנדערער. בשעת דאָס איז פּרינציפּיעל אמת וואָס שייך דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, איז עס דורכאויס ניט ריכטיק ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּראָלעטאַרישן פאַרשטיין פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַלע אינטערעסן"..... „אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזיע, איז דער אַרבעטער־קלאַס פאַראינטערעסירט ניט אין אונטערדריקן, נאָר אין אַנטוויקלען נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. די ראָל פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער פּאַרטייען אין די סאָציאַליסטישע לענדער און איבער דער וועלט איז צו דערהויבן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון די מאַסן צום אינטערנאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אויף אַזאַ שטייגער עטאַבלירן די דיאַלעקטישע אייניקייט צווישן פּאַטריאָטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם" (ע. באַגראַמאָווס אַרבעט איז דערשינען אין מאָסקווער זשורנאַל „קאָמוניסט", נומער 14, 1966; אויף ענגליש — אין „ריפּרינטס" פון 12טן יאַנואַר, 1967).

דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון די מאַסן און זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן זיינען ניט קיין סתירה צום אינטערנאַציאָנאַליזם. לויט דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע האַרמאָנירט איינס מיטן אַנדערן! דאָס איז איינער פון די פונדאַמענטן, אויף וועלכע די אָפּהאַנדלונגען אין דער איצטיקער בראָשור שטיצן זיך.

טעאָריע און פּראַקטיק גייען האַנט אין האַנט, ווי באַוואוסט. אַ געהעריקער טעאָרעטישער צוגאַנג צו דער פראַגע שטימט סיי מיט די טאָג־טעגלעכע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם פאָלק און סיי מיט פעלקער־פריינטשאַפט און אינטערנאַציאָנאַליזם, — אינעם טאָג־טעגלעכן קאַמף קעגן אימפּעריאַליסטישער באַהערשונג.

פּ. נאָוויק

ניו יאָרק, אויגוסט, 1970.

נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אינעם ליכט פון דער ווירקלעכקייט

70 נייע מלוכות

איינע פון די גרויסע אַנטוויקלונגען פון דער היינטיקער צייט איז די באמת עפּאָכע־מאַכנדיקע באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

דאָ האַנדלט זיך, פאַרשטייט זיך, קודם כל וועגן די אַנטוויקלונגען אין אַזיע און אַפריקע, וואו עס זיינען אויפגעקומען זיבעציק נייע, אומאָפּהענגיקע מלוכות זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה (לויט אַן אַרטיקל אין דער „איזוועס־טיאַ" פון 27טן אַפּריל, 1968). צווישן די מלוכות געפינט זיך, פאַרשטייט זיך, אויך מדינת ישראל. עס גייט אָבער נאָך מער ווי אין דעם. עס גייט אין דעם וואוקס פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אינעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע אינטע־רעסן אין לענדער, וואו עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַזעלכע אַנטוויקלונגען קאָנען שוין מער ניט פאָרקומען. דאָס שליסט איין אונדזער לאַנד, אַמעריקע.

אויף די לענדער פון סאָציאַליזם וועלן מיר זיך דאָ ווייניק אָפּשטעלן — סיידן אפשר פאַרבייגייענדיק — ווייל דאָס געהערט ניט דירעקט צו אונדזער טעמע. עס וועט אָבער וויכטיק זיין צו אָנווייזן, אַז אין די לענדער, באַזונדער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס איז איינגעוואָרצלט דער לענין־צוגאַנג, צו שענ־קען אויפמערקזאַמקייט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, הערט מען ניט אויף באַ־שעפטיקן זיך מיט איר, מיט דער דאָזיקער פראַגע. אין דעם נאָר־וואָס דער־מאָנטן אַרטיקל אין „איזוועסטיאַ" רעדט זיך וועגן דעם, אַז די באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וועלכע „ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַ גרויסער פאַרשיידנאַרטיקייט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, רוקט אַרויס אַ מאַסע נייע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן אַ קאָנסטרוקטיוון צוגאַנג און אַ געהעריקן מאַרקסיסטישן אַנאַליז".

מען דאַרף אונטערשטרייכן: „אַ מאַסע נייע פּראָבלעמען". אין דער נאַ־ציאָנאַלער פראַגע, ווי אין אַנדערע פראַגן — און אפשר נאָך מער ווי אין אַנ־דערע פראַגן — איז פאַרגליווערטקייט אַ ביטערע קללה, — פאַרגליווערטקייט, דאָגמאַטיזם, אָפּגערעדט שוין פון ניהיליזם, פון אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די נאַציאָנאַלע פראַגע אַלס גאַנצע, נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, סענסיטיווקייט, נאַ־ציאָנאַלע אינטערעסן.

מיר איז אויסגעקומען זינט דעם 20טן קאָנגרעס אין 1956 און באַזונדער די לעצטע יאָרן צו שרייבן וועגן דער פראַגע, באַרירן זי אין באַריכטן צו די „מאָרגן־פרייהייט" צוזאַמענפאָרן, רעדן וועגן „פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק". עס איז מיר אויסגעקומען שרייבן עטלעכע אַרטיקלען אין 1965, בעת דער שפּאַלטונג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל, אָנווייזן אויף דעם דאָגמאַטיזם און ניהיליזם פון דער מאיר ווילנער גרופּירונג. אין פאַרבינדונג

מיט די אָפּהאַנדלונגען איז מיר אויסגעקומען ווענדן זיך צו אַלטע קוואַלן, צו לעגינס פּאָלעמיק מיט ראָזאַ לוקסעמבורג, צו שמעון דימאַנשטיינס אָפּ־האַנדלונגען אין דער פראַגע, ווענדן זיך צו אַ ריי וויכטיקע אַרטיקלען אין דער סאָוועטישער פּעריאָדיק די לעצטע יאָרן.

אָנהויב 1967 האָט די „מאָרגן־פרייהייט" געקראָגן צוגעשיקט פון דער „נאָוואָסטי" פּרעסע־אַגענטור אין מאָסקווע אַן אַרטיקל פון ע. באַגראַמאָוו, וועלכער באַשעפטיקט זיך אָפּט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער דאָזיקער אַרטיקל „לענינס לערע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און די סיטואַציע היינט", וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער יידישער איבערזעצונג, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פריער אין דער „פּראַוודאַ" פון 17טן אָקטאָבער, 1966, אין פאַרבינדונג מיטן 50טן יאָרטאָג זינט לענינס אַרויסטריט קעגן ראָזאַ לוקסעמבורג, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. עס איז מיר אויסגעקומען צו אונטער־שטרייכן — און איך וועל אויך אונטערשטרייכן איצט — די פיר ווערטער אין דעם קאָפּ פונעם אַרטיקל: „און די סיטואַציע היינט". שרייבנדיק וועגן לענינס אַרויסטריט קעגן ראָזאַ לוקסעמבורג זאָגט דאָרט באַגראַמאָוו:

„אין זיינע ניי ווערק האָט לענין ווייטער אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען וועגן דער פראַגע, וואָס זיינע פריערדיקע ווערק האָבן אַנטהאַלטן".

דאָ דאַרף מען אונטערשטרייכן די ווערטער: „ווייטער אַנטוויקלט", איז אויסגעקומען אָנווייזן. „ווייטער אַנטוויקלט", ווייטער, נאָר ניט בלייבן פאַר־גליווערט, בשעת די צייט גייט פאָראויס!

לענינס גרויסקייט איז אין אַ גאַר גרויסער מאָס באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם אויער צוגעלייגט צו דער ערד, האָט זיך באַזירט אויף דערווירקלעכקייט; ניט אויף סיטואַציעס ווי זיי וואָלטן „געדאַרפט" זיין — אָדער ווי עס וואָלט זיך „געוואָלט" זיי זאָלן זיין — נאָר אויף דער ווירק־לעכקייט. אויב געוויסע איינשטעלונגען האָבן מיט דער ווירקלעכקייט ניט גע־שטימט, האָט ער אויף אַ געוואָגטן שטייגער די איינשטעלונגען אָפּגערוקט, אָדער מאָדיפיצירט. אַזוי האָט ער אין 1921 פאַרפירט אַ קאַמף קעגן סטאַלינען אין דער קאַווקאַזער פראַגע, כאָטש סטאַלין (און אויך אָרדזשאָניקידזע און אַנדערע) האָט זיך געהאַלטן אין „אָנגענומענע" מאַרקסיסטישע איינשטעלונגען. ווען אָבער זיי האָבן ניט געשטימט מיטן גאַנג און מיט די אינטערעסן פון דער דעמאָלט נייער סאָוועטן־מאַכט, האָט לענין אָפּנים געהאַלטן, אַז אויב די איינשטעלונגען האַלטן ניט אויס די פּראָבע פון דער צייט — דאַרף מען זיי אָפּוואַרפן. און אַזוי, קאָן מען זאָגן, האָט זיך באַקומען בנוגע דער יידישער פראַגע.

די „לייזונג" לויטן נוסח קאַרל קאַוטסקי

בנוגע דער יידישער פראַגע איז אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג, נאָך פון די צייטן פון מאַרקסן, געווען איינגעוואָרצלט אַן אַסימילאַטאָרישע באַציאונג. אין אַ באַריכט צום „מאָרגן־פרייהייט" צוזאַמענפאָר אין 1962 איז מיר אויס־געקומען עטוואָס ברייטער זיך אָפּצושטעלן אויף די שעדלעכע טעאָריעס פון קאַרל קאַוטסקי אויף דעם געביט. דער דאָזיקער לאַנגיאָריקער אויטאָריטעט איבער מאַרקסיזם, קאַוטסקי, — פון וועמען אויך לענין האָט אַ שטיק צייט געהאַלטן — האָט אין זיין בוך „ראַסע אונד יודענטום" (אַרויסגעגעבן אין

אַמעריקע דורך „אינטערנעשאַנאַל פּאַבלישערס", אין 1926, אונטערן נאָמען „אָר דהי דזשת עי רעיס") געשריבן:

„דער באַטייט פון באַפרייען דאָס יודענטום איז — זיין ליקווידאַציע, און אויף וויפיל די דורכפירונג פון דער באַפרייאונג וועט זיין מער גרינטלעך, אַלץ שנעלער וועט פאַרקומען די ליקווידאַציע"... „ס'איז ווי בלייענע געוויכטן וואָלטן געוועזן צוגעהאַפטן צו די פיס פון די יידן אין זייער רייסן זיך פאָראויס; איינע פון די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון פעאָדאַלן מיטלאַלטער, אַ סאָציאַלע געטאָ, וועלכע עקזיסטירט נאָך אינעם באַוואוסטזיין, נאָכדעם ווי די קאָנקרעטע פיזישע געטאָ איז שוין פאַרשוואונדן. מיר קאָנען ניט זאָגן, אַז מיר זיינען אַרויס פונעם מיטל־אַלטער אַזוי לאַנג ווי דאָס יודענטום עקזיסטירט נאָך צווישן אונדז. וואָס גיכער דאָס יודענטום וועט פאַרשווינדן אַלץ בעסער וועט זיין פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר די יידן גופא" (ענגלישע אויסגאַבע, „אָר דהי דזשוז עי רעיס", זייט 246).

קאַוטסקי האָט געצילט מיט זיין בוך צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם פון איין זייט און ציוניזם פון דער אַנדערער זייט. אָפּגעהיט זאָל מען אָבער ווערן פון אַזאַ מין באַקעמפן, סיי דעם אַנטיסעמיטיזם און סיי דעם ציוניזם! קאַוטסקי האָט געזוכט צו לייזן דעם ענין גאָר „גרינטלעך" — דורך אָפּשאַפן דאָס יידישע פאָלק!

איך בין אין 1962 אַפּנים געווען צו האַרב, ווען איך האָב געזאָגט, אַז אין היטלערס „ענדגילטיקע ליזונג" איז געלעגן עטוואָס פון דעם צוגאַנג. קלאָר איז אָבער, אַז דער קאַוטסקי־צוגאַנג האָט פאַר'סמ'ט די מאַרקסיסטישע באַוועגונג; זיין איינפלוס לאָזט זיך עד היום נאָך פילן אין איר (דער אַסימילאַטאָרישער צוגאַנג פון דעם איסט בראָדווייער „סאָציאַליזמוס" איז גוט באַקאַנט).

לענין האָט, ווי געזאָגט, אַ שטיק צייט אָנערקענט די אויטאָריטעט פון קאַוטסקין און ער האָט זיך אָפן געהאַט פאַררופן אויף אים, אַרויסרוקנדיק אַסימילאַציע — פריוויליקע אַסימילאַציע, ניט קיין געוואַלטזאַמע — ווי פּראָגרעס. נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט זיך לענין שאַרף אָפּגעטרייסלט פון קאַוטסקין ניט נאָר בנוגע דער רעוואָלוציע גופא, אָנרופנדיק אים „רענעגאַט", נאָר אויך אין דער יידישער פראַגע. אַזוי וויזט די פּראַקטיק! אַנשטאָט פאַרווירקלעכן אַסימילאַציע, איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער קאָמיסאַריאַט, איז אויף אַ פּענאָמענאַלן אופן אַנטוויקלט געוואָרן די יידישע קולטור, קינדער־שולן, יידישע געריכטן און יידישע סאָוועטן אפילו, זיינען געשאַפן געוואָרן יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, ביז אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, מיטן ציל צו אַנטוויקלען זי אין אַ יידישער רעפּובליק.

דאָס לעבן האָט באַוויזן עפּעס אַנדערש — און לענין און דער לעניניזם האָבן גענומען אין אַכט דאָס לעבן.

נעגער, פּאָרטאָ־ריקאַנער, אינדיאַנער

אַז די עפּאָכע־מאַכנדיקע באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָט אָנגעריירט אויך אַמעריקע, זעען מיר איצט קלאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער נעגערשער רעוואָלוציע — אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג — און אין דעם אויפשוואונג פונעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין צווישן אַנדערע מינאָריטעטן דאָ אין לאַנד: פּאָרטאָ־ריקאַנער אין ניו־יאָרק און אַנדערע ערטער, מעקסיקאַנער־אַמעריקאַנער אין קאַליפאָרניע און אין דרום־מערב בכלל, אינדיאַנער און אַנדערע.

די קלײנבירגערלעך־אַנאַרכיסטישע טעאָריע פון דעם אַמעריקאַנער „שמעלץ־טאָפּ״, װעלכע האָט שױן לאַנג באַנקראָטירט, האָט לעצטנס געליטן אַן ענדגיל־טיקן קראַך.

װאָס באַטײט דער קאַמף פון די שװאַרצע, פון די אַנדערע מינאָריטעטן, מ׳זאָל לערנען זײער געשיכטע אין די שולן, אין די אוניװערזיטעטן? דאָס איז ניט עפּעס אַ קאַפּריז. דאָ האָבן מיר אַן אױפשװאַונג פון נאַציאָנאַלן באַװאוסט־זײן, פונעם קאַמף פאַר נעגערשער באַפרײאונג — און ניט נאָר נעגערשער. דער פּראָפ. דזשאָזעף באַסקין, פון דער קאַליפאָרניע אוניװערזיטעט אין סאַן דיעגאָ, האָט עס ריכטיק אױסגעדריקט אין אַן אַרטיקל אין דער „לאָס־אַנדזשעלעס טאַימס״ פון 12טן דעצעמבער 1968, װען ער האָט אַנגעװיזן אױף דעם באַטײט פון דער געשיכטע פונעם אײגענעם פאָלק. ער האָט געשריבן:

„אײנער װאָס האָט ניט קײן היסטאָרישע אידענטיטעט, פילט זיך שאַרף געהאַמעװעט. אײנער װאָס קאָן ניט פאַרביגדן זײנע אײגענע דער־פאַרונגען מיט דער פאַרגאַנגענהײט, אין װעלכער די שװאַכקײט און די קראַפט, די נאַרישקײט און די חכמות זײנען טײלן פון אים אַלײן, װערט באַרױבט פון אַ געהעריקער פּערספּעקטיװע״.

פּראָפ. באַסקין דערמאָנט אַן אױסרוף פון דעם באַקאַנטן דיכטער דילען טאָמאַס, אַ שאָטלענדער (פון װעילס) — „װער גנבעט אַװעק מײן געשיכטע?״ און דעם קרעכץ פון דעם נעגערשן שרײבער דזשעימס באַלדװין: „איך האָב ניט קײן באַגריף פון װאַנען אין אַפריקע מײן פאָלק איז געקומען״!

דער צוגאַנג — אַ ריכטיקער צוגאַנג — אַז װען אײנער האָט ניט קײן היסטאָרישע אידענטיטעט פילט ער זיך געהאַמעװעט אין לעבן, לײקנט אָפּ אַסימילאַציע, דאָס אָפּרײסן זיך פון דער אײגענער היסטאָרישער אידענטיטעט, דאָס איבערהאַקן די פאַרבינדונג מיט די דערפאַרונגען װאָס דאָס פאָלק, דאָס אײגענע פאָלק, האָט געהאַט אין דעם עבר. דער אָדער יענער יחיד קאָן זיך אפשר פאַרגינען דאָס צו טאָן, אָבער ניט דאָס פאָלק. אַלע טעאָריעס װעלן ניט באַװעגן דאָס פאָלק אָפּצוזאָגן זיך פון זיך אַלײן.

אין פאַרבינדונג דערמיט װיל איך, פאַרבײגײענדיק, אָנװײזן אױף אַ װיכ־טיקן אַרטיקל אינעם מאַרקסיסטישן חודש־זשורנאַל „פּאָליטיקל אַפּעירס״ פון נאָװעמבער, 1968, פון דעם נעגער־פירער קלאָוד לאַיטפוט, װעמענס בוך אי־בער דער נעגער־פראַגע, װאָס איז לעצטנס אַרױס, איך װאָלט שטאַרק רע־קאָמענדירט. לאַיטפוט װײזט קודם אָן אױף די טעותן פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטײ אין דער נעגער־פראַגע און זאָגט:

„עס איז אומבאַדינגט װיכטיק, אַז מיר זאָלן פאַרברענגען די פראַגע הײנט אױף אַזאַ שטײגער, אַז דאָס זאָל קאָנען אױסהאַלטן די פּראָבע פון דער צײט. מיר מוזן אױסמײדן צו שטעלן אַלע פינגטעלעך אױף אַלע יוד׳ן [„דאָטינג אַי׳ס ענד קראָסינג טי׳ס״] בנוגע װײטערדיקע אַנטװיק־לונגען, מאַרקסיזם־לעניניזם באַװאָפנט אונדז ניט דאָס צו טאָן״.

דאָ האָט איר אַ ריכטיקע און גאַנץ געװאַגטע שטעלונג. טעאָריעס דאַרפן אױסהאַלטן די פּראָבע פון דער צײט! אױב מאַרקסיזם־לעניניזם באַװאָפנט אונדז ניט בנוגע אַ געװיסער פראַגע — ניט האָבנדיק איצט קײן לעניך, מוז מען צו־געבן — דאַרף מען זיך אָפּהאַלטן פון אָנצײכענען, מיט אַלע פּיטשעװקעס, פּלע־נער װעגן דער צוקונפט.

לײדער זײנען דאָ אַזעלכע װאָס טוען עס יאָ — שטיצנדיק זיך אױף לע־

נינס אָפּהאַנדלונגען אין דעם קאַוטסקי־פּעריאָד, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, — אָפּגערעדט שוין פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם איצטיקן פּעריאָד פון היסטאָרישן אויפשוואונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די נעגער פראַגע און סטאַלינס דעפיניציע

פון דער אָפּהאַנדלונג פון קלאָוד לאַיטפוט בנוגע דער נעגער־פראַגע, וועל איך דאָ באַרירן אַ פאַר מאָמענטן, וואָס האָבן אַ שייכות כיי מיט אַ געוויסן שע־פעריש־מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל, און דער נע־גערשער בפרט, ווי אויך מיטן צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע. ווען לאַיטפוט רעדט וועגן דעם טעות פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי ביים אַרויסרוקן, מיט יאָרן צוריק, די פּראָגראַם פון זעלבסטבאַשטימונג אינעם „שוואַרצן פּאַס", אין די דרום־שטאַטן, זאָגט ער, אַז מען האָט „רעדוצירט די פראַגע פון זעלבסטבאַ־שטימונג צו אַ קינסטלעכער געאָגראַפישער באַטראַכטונג" (קאַנסידערעישאַן).

נאַציאָנאַלע שטרעבונגען ביי נעגער זיינען אויפגעקומען, זאָגט לאַיטפוט, סיי אויף די פּלאַנטאַציעס אין דרום און סיי אין די שטאָטישע געטאָס אויף צפון. לאַיטפוט דערמאָנט די שטעלונג פון סטאַלינען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַז „די בורזשואַזיע דערלערנט דעם נאַציאָנאַליזם אין דעם קאַמף פאַר מערק". פרעגט זיך די פראַגע, צי די שטעלונג קאָן זיין גילטיק היינט, ווען דער נאַציאָנאַליזם ביי נעגער האָט קיין שייכות ניט מיט איינגעמען מערק פאַר זיך, — פאַר די נעגער, וועלכע האָבן נאָך ניט קיין וויפיל ניט איז באַדייטנ־דיקע בורזשואַזיע. סטאַלין האָט געבויט זיין טעזיס דערויף, אַז נאַציעס זיינען דער באַשאַף פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מיר זעען אָבער איצט, זאָגט לאַיטפוט (ניט פאַררופנדיק זיך דאָ אויף סטאַלינען), אַז דער קאַפּיטאַליזם זוכט צו האַמעווען די אַנטוויקלונג צווישן פעלקער אין דער ריכטונג פון נאַ־ציעס און נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט!

לאַיטפוט שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אונטערשייד צווישן נאַציע און פאָלק און ער ווייזט אָן:

„דאָס יידישע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט האָט זיך אָנגעשלאָסן
צו העלפן אויספורעמען די אויפקומענדיקע נאַציע אין ישראל, כאָטש
אין קיין אָרט ערגעץ אַנדערש שאַפן יידן פון זיך ניט קיין נאַציע".

אין דעם קאַמף פון אונדזערע שוואַרצע מיטבירגער דאָ אין לאַנד איז דאָ אַ סך, פון וואָס יידן קאָנען לערנען, — אַלס צולאָג מיטצוהעלפן אין דעם דאָ־זיקן קאַמף.

מען דאַרף פאַרשטיין פאַרוואָס אַפריקע פאַרמאָגט אַזאַ צוציאונג־קראַפט פאַר די נעגער־מאַסן — אַפריקאַנער קליידונג, געשיכטע, קולטור. עס האַנדלט זיך וועגן היסטאָרישער אידענטיטעט, וועגן וויסן „פון וואַנען אין אַפריקע מיין פאָלק איז געקומען", ווי דזשעימס באַלדווין האָט אויסגערופן. איז ניט דעריבער נאַטירלעך אין דער זעלביקער צייט, ווי אַ ביישפיל פון דעם, אַז יידן אין אַמעריקע זאָלן האָבן אַן אינטערעס אין די לענדער פון וואַנען זיי זיינען נאָר־וואָס, רעלאַטיוו, געקומען, וואו זיי זיינען געבאָרן געוואָרן און וואו זיי האָבן אייגענע? און איז ניט נאַטירלעך דער אינטערעס פון יידן צו ישראל — אַן אינטערעס, וואָס האָט זיי דעריבער באַוועגט מיטצוהעלפן באַשאַפן מדינת ישראל

און צו געבן איצט הילף אויף פאַרשיידענע אופנים? און איז ניט נאַטירלעך, אַז יידן זאָלן לערנען זייער געשיכטע, לערנען יידיש?

„דאַאיקייט" און מדינת ישראל

פאַר די, וואָס קאָנען ניט פאַרגעסן אַמאָליקע צוגאַנגען צו ארץ־ישראל, ווען עס איז געפירט געוואָרן אַ שאַרפער קאַמף קעגן ציוניזם, שיעור ניט אויפן שטייגער פון קאַוטסקיס קאַמף (און לאָמיר געדענקען, אַז צוזאַמען מיטן „בונד" זיינען פיל פון אונדז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם דאָזיקן שאַרפן קאַמף), דאַרף מען דערמאָנען די ווערטער פון אַנדרעי גראָמיקאָ, אין זיין היסטאָרישער רעדע אין דער יו־ען דעם 14טן מאַי 1947, ווען ער האָט אָנגעוויזן אויף די „שטרע־בונגען פון די יידן פאַר באַשאַפן זייערע אַן אייגענע מלוכה" און אַז „עס וואָלט געווען אומיושרדיק ניט צו נעמען דאָס אין אַכט און אָפּזאָגן דעם יידישן פאָלק דאָס רעכט צו פאַרווירקלעכן אַזאַ שטרעבונג".

ציענדיק ווייטער דעם פאַרגלייך מיט די נעגער־מאַסן — כאָטש מען מוז אָנערקענען, אַז אין דעם פאַל, ווי אין ענלעכע פאַלן, איז דער פאַרגלייך ניט אינגאַנצן קיין פּינקטלעכער — דאַרף מען צוגעבן, אַז פּונקט ווי די נעגער־מאַסן, האָבנדיק אַן אינטערעס אין אַפריקע, באַטראַכטן זיי אָבער אַמעריקע פאַר זייער היים, אַזוי באַטראַכטן אַמעריקאַנער יידן אַמעריקע פאַר זייער היים, האָבנ־דיק דערביי אַ טיפן אינטערעס אין ישראל און האָבנדיק אויך אַן אינטערעס אין יידישע ישובים אין אייראָפּע און אַנדערע קאָנטינענטן. יידן זיינען, ווי באַקאַנט, אַ פולשטענדיקע נאַציע נאָר אין ישראל, ווי קלאָוד לאַיטפּוט ווייזט ריכטיק אָן. עס איז אָבער דאָ אַ יידיש פאָלק, וואָס לעבט אין פאַרשיידענע ישובים, — ישובים, וואָס האָבן אַן אינטערעס איינער אין אַנדערן, — אַט „דאָס יידישע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט" (ווי לאַיטפּוט זאָגט), וואָס האָט גע־האָלפן עטאַבלירן מדינת ישראל און זוכט עד היום ישראל צו העלפן.

אַזאַ איז די ווירקלעכקייט. אַזאַ איז די סענסיטיווקייט פון דעם יידישן מענטשן, פון יעדן איינעם פון אונדז, — אויב אפילו דאָ און דאָרטן קאָן אימי־צער זיין גלייכגילטיק. די לאַגע פון יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע, ווי סאָ־ציאַליסטישע, לענדער גייט אונדז אָן, ווענען מער און ווען וויניקער, — גייט אונדז אָן, אין יעדן פאַל, מער ווי זי גייט אָן ניט־יידן. אַז דעם דורכ־שניטלעכן ייד גייט זי אָן, איז אָן שום ספק.

די דאָזיקע ווירקלעכקייט מוז אָנערקענט ווערן. דאָס מינערט לחלוטין ניט דעם סטאַטוס פון יידן ווי געטרייע אַמעריקאַנער, — פּונקט ווי דער אינטערעס פון נעגער צו אַפריקע מינערט ניט זייער סטאַטוס; פּונקט ווי דער אינטערעס פון אירלענדער צו אירלאַנד, פון פּאָליאַקן צו פּוילן, פון איטאַליענער צו איטאַליע און אַזוי ווייטער, מינערט ניט זייער סטאַטוס ווי פולבאַרעכטיקטע בירגער פון אַמעריקע.

פּראָפּאָרציע איז דאָ אָבער גאָר אַ וועזנטלעכער עלעמענט; דער אינטערעס זאָל ניט פאַרשוועכן די דאָאיקייט. ישראל איז אָן ספק אַ יידישער ישוב מיט ספּעציפיש־וויכטיקע אַטריבוטן, וואָס אַנדערע יידישע ישובים האָבן ניט. יידן זיינען טאַקע בפירוש פאַראינטערעסירט אין דעם ישראלדיקן ישוב. אָבער ער פאַרנעמט ניט און קאָן ניט פאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אינעם לעבן פון די יידישע מאַסן דאָ אין לאַנד, אין אַמעריקע, קאָן ניט שפּייזן די יידישע מאַסן דאָ אין לאַנד מיט קולטור, מיט יידישקייט אפילו. ישראל קאָן ניט נאָר ניט זיין

דאָס אָרט פאַר יידישער „אויפזאַמלונג", „קיבוץ גלויות", נאָר קאָן אויך ניט זיין דער „גייסטיקער צענטער", לויט דער שיטה פון אחד העם, ווי מיר וועלן שפּעטער זען. און דאָס ברענגט מיך צו אַ וויכטיקער אַרבעט, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" האָט, אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1968, אָפּגעדרוקט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. איך האָב דאָ אינזינען די אַרבעט פון דר. משה סנה, וועלכע איז געגאַנגען אין פיר נומען „מאָרגן־פרייהייט" (דעם 22טן, 29טן און 30טן סעפּטעמבער און 6טן אָקטאָבער) אונטערן נאָמען : „די יידן־פראַגע אין ליכט פון דער צייט".

דער צושטייער פון דר. משה סנה

דר. סנה איז מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט, מיט ערודיציע און דער געהעריקער, נויטיקער געוואָגטקייט צוגעטראָטן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע — לויט דער סיטואַציע היינט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן. און די דאָזיקע סיטואַציע באַווייזט ערשט ווי פעלערהאַפט עס איז — און עס איז געווען אַ לאַנגע צייט, אויב ניט פון סאַמע אָנהויב — סטאַלינס „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע", דער לאַנגיאָריקער האַנטבוך פאַר מאַרקסיסטן אין דער דאָזיקער פראַגע. עס איז באמת אַ וואונדער ווי אַזוי מ'האָט זיך געקאָנט האַלטן, שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אפילו, ביי אַ טעאָרעטיש ביכל, וואָס איז אַרויס אין 1913, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע !

סטאַלין, דערמאָנט דר. סנה, האָט דאָרט דערקלערט, אַז „נאַציע איז ניט סתם אַ היסטאָרישער באַגריף, נאָר אַ היסטאָרישער באַגריף פון אַ באַשטימטער תקופה, דער תקופה פון דעם זיך אַנטוויקלענדיקן קאַפּיטאַליזם". אַז די איינשטעלונג איז אַ פאַלשע, האָט שוין באַוויזן דער פעריאָד באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ ריי נאַציעס האָבן זיך אויסגעפורעמט, אָדער זיך פאַרפולקומט דורך ניי־דערוואָרבענער מלוכהשאַפט. און ניט נאָר אינעם פעריאָד פון דעם שוין אַנטווילטן קאַפּיטאַליזם זיינען נאַציעס געשאַפן און פאַרפולקומט געוואָרן ; נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט שוין סטאַלין אַליין געמוזט אָנערקענען — ווייזט אָן דר. סנה — אַז עס קאָן זיין אַזאַ זאַך ווי „סאָציאַליסטישע נאַציעס". און אויך פאַרן פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם האָבן שוין עקזיסטירט נאַציעס, ווייזט דר. סנה אָן מיט רעכט. און ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן דעם איצטיקן היסטאָרישן אויפברויז פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אויף אַ וועלט־פאַרנעם, דערזעט מען נאָך קלאָרער די ניט־אויסגעהאַלטנקייט פון סטאַלינס פאָרמולירונגען.

צוזאַמען דערמיט פאַלט אָפּ די שטייפקייט פון סטאַלינס פאָרמולירונג, אַז אַ נאַציע מוז האָבן די פיר עלעמענטן : אַ שותפותדיקע שפּראַך, טעריטאָריע, עקאָנאָמיק, גייסטיקע סיסטעם ; אויב אפילו איינער פון די פיר עלעמענטן פעלט, איז שוין, הייסט עס, די נאַציע קיין נאַציע ניט. דר. סנה ווייזט אָן, אַז כינע און אינדיע האָבן ניט יעדערע קיין איינהייטלעכע שפּראַך ; אַז די שווייצאַרישע נאַציע האָט עטלעכע שפּראַכן ; אַז בעלגיע און קאַנאַדע האָבן אין זייער איינהייטלעכער טעריטאָריע פאַרשיידענע שפּראַך־פעלקערשאַפטן ; אַז רעליגיע איז געווען די באַוועג־קראַפט פאַר דער צעטיילונג פון אינדאָסטאַן צווישן אינדיע און פאַקיסטאַן ; אַז ראַסע מוז גענומען ווערן אין אַכט. דאָ זיינען די נעגער אין אַמעריקע ווידער אַ ביישפּיל, וואָס כאָטש די שפּראַך זייערע איז די אַלגע־

מיין־אַמעריקאַנישע און כאָטש זיי זיינען צעוואָרפן איבער אַמעריקע, רוקט זיך אַרויס, אין דער איצטיקער רעוואָלוציע זייערער, דער נאַציאָנאַלער מאָמענט און מען טאָר ניט, ווי קלאָוד לאַיטפוט זאָגט דאָרט מיט רעכט: „רעדוצירן די פראַגע פון זעלבסט־באַשטימונג צו אַ קינסטלעכער געאָגראַפישער באַטראַכטונג".

דר. משה סנה גייט איבער צו אַ באַטראַכטונג פון דעם „ספּעציפישן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק", וואַרפט אָפּ די שטעלונגען פונעם יידישן נאַציאָנאַליזם און עקסטרעמיסטישן ציוניזם, שטעלט זיך אָפּ אויף דער פאַרפלאָנטערטער פראַגע אין ישראל „ווער איז אַ ייד", אויפן אַבסקוראַנטיזם בנוגע דער פראַגע און רוקט אַרויס די פאָלגנדיקע „דיאַלעקטישע באַצייכענונג" פונעם יידישן פאָלק:

„דאָס יידישע פאָלק איז אַ היסטאָרישע שותפות פון אַ ציבור מענטשן מיט פאַרשיידענער קלאַסן־צוגעהעריקייט, וועלכער איז אַנטשטאַנען דורך אַ ריי פאַראייניקנדיקע פאַקטאָרן — דעם עטנאָ־גענעטישן, דעם רעליגיעזן, דעם נאַציאָנאַלן".

דר. סנה וואַרפט אָפּ — מיט רעכט — די טעאָריעס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, באַזונדער פון קאַוטסקין, וועגן דער „פּראָגרעסיוויקייט" פון אַסימילאַציע; ווייזט אָן אויף וויפיל לעגינס ווערק פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען באַאיינפלוסט פון די דאָזיקע טעאָריעס און אויך וויפיל לענין האָט זיי אָפּגעוואָרפן אין זיין פּראַקטיק, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די אַרבעט פון דר. סנה איז, אינגאַנצן גענומען, גאָר אַ וויכטיקע און נויטיקע. עס וואָלט זיך געפאָדערט ברייטער אָפּצושטעלן זיך אויף זיינע אַנאַליזן, אָפּשאַצונגען און פאָרמולירונגען, ווי בכלל באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע אינעם ליכט פון דער היינטיקערווירקלעכקייט, — ווי אינעם ליכט פון דער פּראַקטיק פון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די פּראַקטיק פון לענינען און פונעם לעניניזם, פון 1917 ביז אַן ערך 1936, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ דאַרף אָנגעוועגדט ווערן דער פסוק: „כל המרבה לספר הרי זה משובח", ווער עס ברייטערט זיך אויס וועגן דעם — דער זאָל געלויבט ווערן.

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם אַרמעניש־סאָוועטישן טעאָרעטיקער ע. באַגראַמאָוו (און ס'איז ניט קיין צופאַל וואָס ער איז אַן אַרמענער). דער זעלביקער שרייבער האָט געהאַט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג אינעם מאָסקווער זשורנאַל „קאָמוניסט" (נומער 14, 1966) אונטער אַ קאָפּ: „שאָוויניזם און נאַציאָנאַלער ניהיליזם אין דער אידעאָלאָגיע פון אימפּעריאַליזם". דאָס הייסט, אַז ניט נאָר שאָוויניזם איז אַן אינסטרומענט פון אימפּעריאַליזם, נאָר אַז נאַציאָנאַלער ניהיליזם, וועלכער האָמעוועט די אַנטוויקלונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, איז אויך אַן אימפּעריאַליסטישער אינסטרומענט.

דער זעלביקער ע. באַגראַמאָוו האָט געהאַט אַן אַרטיקל אינעם זשורנאַל „סאָוויעט לאַיף", אַרויסגעגעבן פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן (סעפּטעמבער, 1967), וואו עס ווערן אַרויסגעהויבן אַזעלכע ענינים ווי נאַציאָנאַלע קולטור און נאַציאָנאַלער שטאָלץ.

אַ אינטערעסאַנטער און וויכטיקער אַרטיקל פון מ. ס. יונוסאָוו, איז געווען געדרוקט אינעם סאָוועטישן זשורנאַל „וואָפּראָסי פילאָסאָפי" (פראַגן פון פילאָזאָפיע), נומער 9, 1967, אונטער אַ קאָפּ: „די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע באַציאונגען" (דערשינען אויף ענגליש אין „ריפּרינטס" פון דער סאָוועטישער פּרעסע, יאַנואַר 12, 1968). די

און אַנדערע אַרבעטן בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע וואָלט נויטיק געווען אי־בערגעבן געניער, פאַנאַנדערוויקלען זיי, באַטראַכטן זיי אינעם ליכט פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט.

„צענטראַליטעט" פון ישראל?

„כל המרבה לספר הרי זה משובח". וואָס מער — אַלץ בעסער. ליידער שרייבט מען אין אַנדערע לענדער, אויסערן סאָוועטן־פאַרבאַנד, גאַנץ ווייניק וועגן דער פראַגע, און דאָ אין לאַנד, אין אַמעריקע, כמעט אינגאַנצן ניט, מיט קליינע אויסנאַמען. און אַמעריקע איז דאָך אַ לאַנד פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן! און ניט נאָר די נעגער־פראַגע שטייט שאַרף — אויך די פראַגע פון די פּאָרטאָ־ריקאַנער, מעקסיקאַנער־אַמעריקאַנער און אַנדערע שטייט דרינגענדיק. און ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען דאַרף מען דאָך אינזינען האָבן.

דר. סנהס אָפּהאַנדלונג איז אַ וויכטיקע און אַ צײַטיקע. אַ צײַטיקע פאַר אַלעמען, ווײַל — די ייִדישע פראַגע איז דאָך אַ פראַגע ניט נאָר פאַר ייִדן!

זייענדיק אין הסכם מיט די מייסטע פון דר. סנהס איינשטעלונגען אין זיין פּאַרטיפּטער און קלאָר־פאָרמולירטער אָפּהאַנדלונג, דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז מ'קאָן מיט אים ניט מסכים זיין אין דעם אופן ווי ער שטעלט אוועק מדינת ישראל ווי־זאָ־ווי די ייִדישע ישובים איבער דער וועלט, — אָדער אפשר ווי אַזוי די שטעלונג קאָן אויסגעטייטשט ווערן, פאַרשטאַנען ווערן. ער שרייבט:

> „אין ארץ־ישראל קומט פאָר אַ פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער קאָנצענ־טראַציע אינעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון ייִדישן פאָלק. היינט צו טאָג באַשטייט אַלזאָ דאָס ייִדישע פאָלק פון דער ייִדישער נאַציע אין ישראל און פון ייִדישע מינדערהייטן — נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, עטנאָ־גענעטישע — אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט".
>
> „צווישן די ייִדן אין גאַר דער וועלט איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע פאַר־בינדונג, ווײַל מדינת ישראל פאַרקערפּערט דעם היסטאָרישן צוזאַמענ־האַנג צווישן ייִדישן פאָלק אַלס אַזעלכן און ארץ־ישראל און ווײַל די ישראל־נאַציע איז אַנטשטאַנען דורך דער צוזאַמענגלידערונג פון אַלע ייִדן אין דער וועלט".

די דאָזיקע לעצטע ווערטער שטימען, פאַרשטייט זיך, מיט דער ווירק־לעכקייט. ווען די יו־ען האָט באַשלאָסן צו עטאַבלירן אַ מדינת ישראל, איז אַנגעוויזן געוואָרן געניי — באַזונדער דורך דער היסטאָרישער רעדע פון אַנ־דרעי גראָמיקאָ — אַז ניט נאָר ווערט די מדינה באַשאַפן פאַר די דאָרטיקע ייִדישע איינוואוינער, נאָר אויך פאַר די גערַאַטעוועטע פון די נאַצישע לאַגערן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט, אין 1947, געפונען אין דייטשלאַנד, ווי בכלל פאַר ייִדישע פליטים.

ייִדן האָבן אַ אינטערעס אין מדינת ישראל, אַ באַרעכטיקטן אינטערעס, ווי שוין אָנגעוויזן. אָבער ייִדן — לאָמיר זאָגן, אַמעריקאַנער ייִדן, — האָבן אַ אינטערעס אויך אין ייִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּוילן און אַנדערע סאָ־ציאַליסטישע לענדער, ווי אין ייִדן אין דרום־אַמעריקע און בכלל קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער. ווײַל חוץ אַ ישוב — אַ נאַציע, אין ישראל, פאַרמאָגט דאָס ייִדישע פאָלק אַ גאַנצע ריי ישובים. ניט אַלע זיינען פון דער זעלביקער וויכ־טיקייט, פאַרשטייט זיך, אָבער אויב מדינת ישראל פאַרמאָגט די קוואַליטעט פון אַ נאַציע — פאַרמאָגט דער ייִדישער ישוב אין אַמעריקע די קוואַליטעט פון

קוואַנטיטעט, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. זעקס מיליאָן יידן זיינען פאַר־זיך אַליין אַ גרויסער ישוב!

דר. סנהס פאָרמולירונג איז דאָ — דאַכט זיך — די פאָרמולירונג פון אַ ישראל־יידן, מיט קאָנצענטראַציע אויף ישראל. עס באַקומט זיך ביי דר. סנה די צענטראַליטעט פון ישראל אינעם לעבן פון יידישן פאָלק. אַלע יידישע ישובים זיינען שיעור ניט ביילאַגעס צו ישראל. פרעגט זיך: ווי אַזוי קאָנען זיי זיך אַנטוויקלען ווי געזונטע יידישע ישובים?

דר. סנה אַליין קריטיקירט דעם ציוניזם פאַר דער „נעגאַציע פונעם גלות". ער פרעגט מיט רעכט: „וואָס־זשע וועט אייגנטלעך זיין דער גורל פון די מאַסן יידן, וועלכע וועלן זיך ניט באַזעצן אין ישראל?" דאַרפן מיר פריער אַ טראַכט טאָן וועגן דעם באַטייט פון די ווערטער „מאַסן יידן".

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער פריציייטיק־פאַרשטאָרבענער ישראלדי־קער מלוכה־פירער משה שרת, קעמפנדיק קעגן בן־גוריונען פאַר זיין (בן־גוריונס) שטעלן דעם טראָפּ אויף דער איבערוואַנדערונג פון יידן פון „גלות" קיין ישראל, אָנגעוויזן, אַז אין דעם דאָזיקן „גלות" געפינען זיך אַן ערך צען מיליאָן יידן; אַז אויף אַן איבערוואַנדערונג פון צען מיליאָן יידן — האָט מ. שרת אָפּגעשאַצט — וועט זיך פאָדערן אַן ערך הונדערט יאָר (אַ דורכשניט פון 100 טויזנט יידן אַ יאָר); אַז — אין משך פון די הונדערט יאָר קאָנען אויס־וואַקסן אין „גלות" אַנדערע צען מיליאָן יידן...

ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין ספּעקולאַציעס וועגן דער ווייטער צוקונפט — און ס׳איז בעסער אַזעלכע ספּעקולאַציעס אויסצומיידן — איז קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך פּערמאַנענטע יידישע ישובים, ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע גרויסע ישובים, ווי דער אַמעריקאַנער און דער סאָוועטישער. ווי אַזוי וועלן זיי, די דאָזיקע ישובים, קאָנען לעבן און זיך געזונט אַנטוויקלען, אויב מ׳זאָל אָננעמען די טעאָריע פון דער צענטראַליטעט פון ישראל בנוגע די יידישע ישובים איבער דער וועלט?

ווי זאָל אויסקוקן דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב?

לאָמיר רעדן וועגן אַמעריקאַנער יידן. איז ניט קלאָר, אַז זיי — איינגע־שלאָסן ציוניסטיש־געשטימטע יידן — זיינען אינטעגרירט אינעם אַמעריקאַנער לעבן, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל? אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אייגענע, יידישע, אינטערעסן. ווי אַזוי זאָל דער ישוב אויסזען? זאָל ער ציען זיין יידישע יניקה פון ישראל, אָדער זאָל ער אַנטוויקלען אַן אייגן יידיש לעבן?

לויט דער אָפיציעלער ציוניסטישער איינשטעלונג דאַרף דאָס גייסטיקע לעבן פון יידן אין אַמעריקע געבויט ווערן אויף ישראלדיקע ווערטן. איז עס אָבער אַ צופאַל, וואָס אַלע באַשלוסן אין דעם זין, זינט ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן, צו שאַפן דאָ יידישע קולטור־ווערטן, געבויט אויף ישראל, האָבן ניט קיין ממשות — און דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע בלייבט אין אַ גרויסער מאָס פּוסט צוליב דער דאָזיקער איינשטעלונג, צוליב דער סופּער־קאָנצענטראַ־ציע אויף ישראל?

וועלכע קולטורעלע ווערטן קאָנען יידן אין אַמעריקע שאַפן, בויענדיק דער עיקר אויף ישראל? איז דען מעגלעך קולטור, וואָס זאָל ניט האָבן קיין שייכות מיט דער סביבה, וואו זי ווערט געשאַפן, מיט דער לאַנדשאַפט אפילו, קאָלאָריט, טראַדיציעס — טראַדיציעס און פּראָבלעמען פון דער איינוואַנדערונג

דאָ אין לאַנד, פון אַקלימאַטיזירן זיך, טראַדיציעס פון קאַמפן, פון בויען, טראַ־דיציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אַזוי ווייטער? איז מעגלעך, אַז קולטור זאָל זיין אָפּגעריסן פון די גרעאַנגלען דאָ אויפן אָרט?

אָן אַנדער פראַגע איז — אויף וויפיל ישראל אַליין האָט שוין אָן אויס־געשפראָכן־אייגענע קולטור. עס וועט נאָך אַריבער אַ היפשער פעריאָד ביז אַזאַ אייגענע, ישראלדיקע, קולטור וועט אויסגעפורעמט ווערן. אָבער קולטור, אפילו אַ שוין אָן אויסגעפורעמטע, איז ניט קיין פרי, וואָס קאָן אַריבערגעפלאַנצט ווערן!

ניט אָפּזאָגנדיק זיך פונעם עבר אין דער אַלטער היים, איבערנעמענדיק פאַרמען, ניואַנסן, קאָלירן פון יידישע ישובים אין אַנדערע לענדער, אייגנע־שלאָסן ישראל — אָדער אפשר ספּעציעל טאַקע ישראל — מוז די קולטור, אין גרונט גענומען, וואָרצלען אין דעם לאַנד גופא. און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז נאָר ווען מען שטייט אויפן באָדן פון „דאָ׳איגקייט״ קאָן מען בויען דאָ אין לאַנד אַ געזונט יידיש לעבן. אין גרונט גענומען, הייסט עס — ניט אויסשליסנדיק, נאָכאַמאָל, איינפלוסן, אָדער בייטראָגן פון יידישע ישובים אין אַנדערע לענדער, באַזונדער פון ישראל.

אַ צוגאַנג, לויט וועלכן עס קאָן זיך באַקומען אַז די יידישע ישובים אין „גלות״ זיינען ניט מער ווי ביילאַגעס צו מדינת ישראל — אָדער גאָר רעזערוון פאַר „עליה״, איבערוואַנדערונג — קאָן פאַרמשפּטן די ישובים צו גייסטיקער פּרוכטלאָזיקייט. דער גליק איז וואָס אַזאַ צוגאַנג האָט ניט קיין שייכות מיט דערווירקלעכקייט.

פּאַקטיש פאַרמאָגט דאָך דר. סנה אַליין, איז זיין ברייטער אָפּשאַצונג, אָן אָפּטייל: „פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון דער יידישער קולטור״, וואו ער ווייזט אָן, אַז נאָך דער מלחמה „האָבן פּראָגרעסיווע פאָלקסטימלעכע יידישע קרייזן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אָפּצוהיטן אָט־די טייערע ירושה, ווייטער זי צו פלעגן און אַנטוויקלען״. ער האַלט, אַז אין ישראל גופא דאַרף מען זיכערן דעם המשך פונעם ליטעראַרישן שאַפן אין יידיש, — וואָס דאָ האָבן מיר שוין די השפעה פונעם „גלות״ אויף ישראל. און מיר זיינען דורכאויס מסכים מיט דר. סנה, ווען ער שטרייכט אונטער די „ווערטן פון פּראָגרעס אין דער יידישער טראַדיציע, אַנטקעגן די איינפלוסן פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, וועלכע מוזן באַזייטיקט ווערן פון דערציאונג און קולטור־לעבן אין אונדזער צייט״.

די קריטיק פונעם ציוניזם

די אַרבעט פון דר. משה סנה פאַרמאָגט אויך אָן אָפּטייל: „אָביעקטיווע קריטיק פון ציוניזם״. דער מחבר קריטיקירט דעם ציוניזם פאַר זיין „נעגאַציע פונעם גלות״, ווי געזאָגט און ווייזט אָן, אַז דער ציוניזם גיט ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע וואָס עס וועט זיין דער גורל פון יידן וואָס וועלן זיך ניט באַזעצן אין ישראל.

די דאָזיקע „נעגאַציע״ פירט ניט בלויז צו גלייכגילטיקייט צו די קאַמפן פון די מאַסן וואו יידן לעבן, זאָגט דר. סנה, נאָר „אויך צו דער פאַרטושונג פון די קלאַסן־געגנזאַצן אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא״. ער ווייזט אָן — און זייער ריכטיק — אַז „די ציוניסטישע פּאָליטיק האָט זיך באַמיט צו קאָאָר־דינירן אירע צילן מיט אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן״. ער שטרייכט אָבער אונטער דעם „ברייטן נאַציאָנאַלן און פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער״ פונעם ציו־ניזם, ווייזט אָן אויף דער „קלאַסן־דיפערענציאַציע אין דער ציוניסטישער באַ־

וועגונג צווישן רעכטן בורזשואַזן פליגל און דעם לינקן אַרבעטער־חלוצישן פליגל". ער וואָרנט דערביי קעגן דער העץ־קאַמפּאַניע אויפן ציוניזם און שטעלט זיך אָפּ אויפן קריזיס, אין וועלכן דער ציוניזם געפינט זיך.

ס'איז אָן ספק, אַז אינעם ליכט פון די דערפאַרונגען סיי די לעצטע צייט, אין פוילן, אין די אַראַבישע לענדער, און סיי אין פריערדיקע צייטן, ווי בעת דעם סלאַנסקי־פּראָצעס אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין 1952, דאַרף מען זיין שטאַרק אָפּגעהיט, אַז אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע זאָל ניט אָננעמען אַן אַנטי־יידישן כאַראַקטער און זאָל דעריבער, פאַרקערט, ניט אַריינשפּילן אין די הענט פונעם פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער זוכט צו באַווייזן, אַז יידן קאָנען אין ערגעץ ניט זיין זיכער, סיידן נאָר אין ישראל. ציוניזם איז — נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע, אָבער ניט קיין „פאַרשווערונג", וואָס זוכט אונטערצוגראָבן לענדער, פאַרכאַפּן די וועלט, ווי עס זאָגט זיך אין די אַנטיסעמיטישע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון".

איינע פון די הויפּט־אויסזעצונגען קעגן מעקאַרטיזם איז דאָך געווען, וואָס אָנשטאָט אַרויסצוטרעטן קעגן קאָמוניזם ווי קעגן אַ אידעאָלאָגיע (וואָס געפעלט ניט דער בורזשואַזיע, דער רעאַקציע), האָט ער פּראָקלאַמירט, אַז קאָמוניזם איז אַ „פאַרשווערונג", אַ „קאָנספּיראַסי". און אויב אַ פאַרשווערונג — מעג מען שוין זיין זינדיק צוליב אַסאָציאַציע, ווייל — ווער ווייס וועלכע „אַגענטן" זי פאַרמאָגט, וועמען זי זוכט אַריינצוציען אין איר „נעץ", וועלכע שותפים זי האָט און וועמען זי זוכט אונטערצוגראָבן.

דער ציוניזם איז ניט קיין „פאַרשווערונג" און ניט קיין דערפינדונג פון די אימפּעריאַליסטן. מיר ווייסן גוט ווי דער ציוניזם איז געבאָרן געוואָרן. יעדע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג ווערט געבאָרן פון דיליידן פון פאָלק. די ליידן פונעם נעגער־פאָלק אין אַמעריקע האָבן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געבראַכט צו דער גאַרווי באַוועגונג, די באַוועגונג בראש מיט מאַרקוס גאַרווי, וועלכער האָט געהאַלטן אַז אויסוואַנדערונג קיין אַפריקע, קיין ליבעריע, איז דער איינציקער וועג ווי אויסגעלייזט צו ווערן. אויב מען וויל, איז דר. הערצל געווען אַ מין מאַרקוס גאַרווי, אָבער אין אַן אַנדער סיטואַציע.

אין אַן אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 1טן אָקטאָבער 1967, איז מיר אויסגעקומען זאָגן: דער ציוניזם איז „ניט אויסגעטראַכט געוואָרן פון עפּעס אַ טייוול, אַן אימפּעריאַליסט, ווי דאָס באַקומט זיך פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די שוקעירים און אַנדערע אַראַבישע שאָוויניסטן, וואָס שטרעבן ,אָפּווישן' ישראל. דער ציוניזם איז געבאָרן געוואָרן ווי אַן ענטפער אויף די פּאָגראָמען, רדיפות, בלוט־בלבולים, דרייפוס־פּראָצעס און אַזוי ווייטער". עס איז גוט באַוואוסט, אַז דר. טעאָדאָר הערצל, דער אַסימילירטער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „נייע פרייע פּרעסע" אין פּאַריז, איז דערגאַנגען צום פּאָליטישן ציוניזם ווי אַ רעזולטאַט פון דעם דרייפוס־פּראָצעס. אָבער כאָטש ער איז טאַקע באַוועגט געוואָרן פון די ליידן פון פאָלק, זיינען זיינע טעאָריעס, געשאַפענע אויף דעם באָדן, געווען און פאַרבליבן רעאַקציאָנערע, סעפּאַראַטיסטישע, — ווי, למשל, די טעאָריע אַז אַנטיסעמיטיזם איז אייביק; אַז יידן אַליין ברענגען דעם אַנטיסעמיטיזם אין די לענדער וואוהין זיי קומען (דעמאָלט — ווי ער האָט אָנגעוויזן אין זיין „יודענשטאַט" — קיין ענגלאַנד). וועלכע כוונות ער זאָל ניט האָבן געהאַט, וואָס ער זאָל ניט האָבן געמיינט, פאַרנדיק צום צאַרישן פּרעמיער פאָן־פּלעווע, דעם „העלד" פון קעשענאָווער פּאָגראָם, אָדער צו די פאַרשיידענע

שררות, ווי צו ווילהעלם דעם צווייטן, זיינען דאָס געווען שעדלעכע אַקטן, וואָס די רעאַקציע האָט אויסגענוצט, וואָס דער צאַריזם האָט אויסגענוצט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; אָביעקטיוו גענומען, האָט הערצל געדינט דער רעאַקציע, דעם צאַריזם, מיט זיין באַזוך ביי פּלעווען.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז מ׳דאַרף אונטערשיידן צווישן דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקט פאָלק און דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקעריש פאָלק. די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען פון די יידישע מאַסן נאָכן קעשענאָווער פּאָגראָם האָט מען געקאָנט פאַרשטיין און מיט זיי סימפּאַטיזירן. אָבער ווען זיי זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון דעם פּאָגראָם־מאַכער גופא האָט מען דעם נאַ־ציאָנאַליזם געדאַרפט באַקעמפן, ווי שעדלעך פאַרן פאָלק.

כסדר דיפערענצירן, נאָר ניט זיין פאַרגליווערט

עס איז שוין פיל מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז מען דאַרף אונטערשיידן צווישן די ציוניסטישע נאָכפאָלגער און די פירער — און מ׳דאַרף אויך אונטער־שיידן צווישן פירער און פירער. קומענדיק נעענטער צו אונדזער צייט, דאַרפן מיר באַגרייפן, אַז דער דורכשניטלעכער ציוניסט איז בשום אופן ניט קיין אַגענט פונעם סטעיט־דעפּאַרטמענט און אַז פיל פירער זיינען עס אויך ניט! למשל, אַזאַ ציוניסטישער פירער ווי ראַבאַי אַרטור דזש. לעליוועלד, ווי ראַבאַי מאָריס אייזענדראַט און אַנדערע, וואָס קעמפן קעגן דער וויעטנאַם־מלחמה, פאַר נעגער־רעכט״. דאָס הייסט ניט, אַז דער סטעיט־דעפּאַרטמענט וועט ניט זוכן אויסצונוצן דעם ציוניזם און אַז עס זיינען ניטאָ ציוניסטישע פירער, וואָס זיינען גרייט אים מיטצוהעלפן. אָבער די „היטל״ טאָר מען ניט אָנמעסטן אויף אַלעמען.

עס איז כסדר נויטיק צו דיפערענצירן, ניט אַריינוואַרפן אַלעמען אין איין טאָפּ, ספּעציעל נאָך בשעת ס׳איז כסדר נויטיק צו זוכן שותפים צווישן אַנדערע עלעמענטן, אין קאַמף קעגן דער וויעטנאַם מלחמה, קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר נעגער־רעכט און אַזוי ווייטער, אינעם געראַנגל צו בויען אַ געזונט יידישן לעבן, בויען די יידישע פאָלקס־קולטור.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען בפירוש פאַראַן עלעמענטן פון בורזשואַזן רעכטן פליגל — און פון דעם לינקן אַרבעטער־חלוצישן פליגל. דער מאַפּאַם, ווי מיר ווייסן, איז אַ לינק־סאָציאַליסטישע שטרעמונג. עס איז נויטיק צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די מאַפּאַם־עלעמענטן, ספּעציעל איז פאַר די פּראָג־רעסיווע עלעמענטן אין ישראל נויטיק צו אַרבעטן מיט זיי — און מיט אַנדערע — ביים שאַפן אַ ברייטן דעמאָקראַטישן פראָנט פאַר שלום, קעגן די אַנעקסיאָ־ניסטן. אין דער זעלביקער צייט טאָר מען אויך ניט פאַרזען, אַז גראָד די מאַפּאַם־עלעמענטן זיינען די שאַרפסטע נעגירער פונעם „גלות״, האַלטן ניט פון בויען דאָ אין אַמעריקע יידיש לעבן, בויען די יידישע קולטור.

מיר האָבן צוטאָן מיט אַ קאָמפּליצירטער, פאַרשיידנאַרטיקער באַוועגונג, וועלכע איז אָבער דורכאויס אַ נאַציאָנאַליסטישע, אַ סעפּאַראַטיסטישע, קאָנצענ־טרירט דער עיקר, אָדער אויסשליסלעך, אויף „דאָרטן״, אויף ישראל. אויף וויפיל זי האָט אַן איינפלוס אויף יוגנטלעכע, רייסט זי זיי אָפּ פון די קאַמפן דאָ אויפן אָרט. און איינע פון די סיבות פון דעם טיפן קריזיס, וואָס דער ציוניזם לעבט איבער, באַשטייט אין דעם, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון דער יידישער יוגנט — רעלאַטיוו — ווערט אַריינגעצויגן אין ציוניסטישע טעטיקייטן. אויף וויפיל זי איז סאָציאַל באַוואוסטזיניק ציט זי זיך, די יוגנט, מער צו די קאַמפן פון די

אַמעריקאַנער יוגנטלעכע בכלל, פאַר שלום, קעגן דרעפט (פריזיוו), פאַר נע־גער־רעכט.

באמת — מיר האָבן צוטאָן מיט אַ קאָמפּליצירטער, פאַרשיידנאַרטיקער באַ־וועגונג, ווי דאָס איז מיט יעדער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, קאָמפּליצירט ווי די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל איז. עס איז וויטיק רק צו דיפערענצירן און רק אינזינען האָבן די ווירקלעכקייט. און — אינזינען האָבן די דינאַמיק פון דער ווירקלעכקייט. נעכטיקע באַגריפן קאָנען גאַנץ פיין ניט גילטן היינט, בפרט אייערנעכטיקע, פון אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט און גאָך פריער, איידער עס זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע עפּאָכע־מאַכנדיקע אַנטוויקלונגען, ווי די ערשטע וועלט־מלחמה, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די צווייטע וועלט־מלחמה — און דער פּעריאָד נאָך איר, פונעם קראַך פון קאָלאָניאַליזם און פונעם אויפשטייג פון די געשיכטע־מאַכנדיקע קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

פרידריך ענגעלס האָט ערגעץ געזאָגט, געוואָרנט, אַז אַלץ אין דער געזעל־שאַפט, ווי אין דער נאַטור, איז באַדינגלעך און באַוועגלעך. נאָר ניט בלייבן פאַרגליווערט. נאָר ניט אָנווענדן פאָרמולעס, וואָס געהערן צום נעכטן. לערנענ־דיק פונעם נעכטן, דאַרף מען דער עיקר אינזינען האָבן די ווירקלעכקייט פונעם היינטיקן טאָג.

די נאַציאָנאַלע און יידישע פראַגע אין איצטיקן מאָמענט

לעגינס גערעאַנגל פאַר אַ ריכטיקן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע

די פאָרגעשריטענע טיילן פון דער מענטשהייט און אַוודאי די פּראָגרעסיווע טיילן, די אָנהענגער פון סאָציאַליזם, האָבן באַצייכנט אויף אַ ברייטן אופן דעם 100טן געבוירטסטאָג פון וולאַדימיר איליטש לענין (דעם 22טן אַפּריל) — דעם געבוירנטאָג פון דעם שעפערישן באַגרינדער פונעם מאַרקסיזם אינעם פעריאָד פון אימפּעריאַליזם און סאָציאַלער רעוואָלוציע, דעם געבוירנטאָג פון איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן פון אונדזער צייט.

דער געני פון לענינען, ווי אַ טעאָרעטיקער און ווי אַ פירער־פּראַקטיקער, האָט זיך געלאָזט פילן, און געלייגט אַ טיפן שטעמפּל — אויף אַ ריי געביטן. די אויפגאַבע וואָס איך האָב דאָ געשטעלט פאַר זיך, איז — אָנוואַרפן אַ ריי שטריכן וועגן דער ראָל פון לענינען בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און דער יידישער פראַגע בפרט. און איך זאָג בפירוש: אָנוואַרפן אַ ריי שטריכן, ווייל אַ טעמע איז דאָס גאָר אַ ברייטע.

אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָך פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט זיך לענין אויסגעצייכנט, צווישן אַ ריי אַנדערע זאַכן, מיט זיין צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע — מיט זיין קאַמף סיי קעגן אָפּאָרטוניזם, שאָוויניזם און סיי קעגן סעקטאַנטישקייט, ניהיליזם. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר אַ פּראָגראַם, די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער און יידי־שער פראַגע, וועלכע האָט געקראָגן איר פאַרווירקלעכונג נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אונטער לענינען, און אַ ריי יאָרן נאָך זיין טויט, אין די יאָרן ווען דער לעניניזם איז געטריי אָפּגעהיט געוואָרן.

לענין האָט געפירט אַ קאַמף, האָט זיך גערעאַנגלט פאַר דער פּראָגראַם, און ער האָט זי אַנטוויקלט אינעם פּראָצעס פון דעם גערעאַנגל. זי איז ניט געבאָרן געוואָרן אַ פאַרטיקע פון סאַמע אָנהויב און — דאָס דאַרף מען אונטערשטרייכן — זי איז ניט קיין פאַרענדיקטע נאָך ביי היינטיקן טאָג. די צייט, מיט אירע אַנטוויקלונגען, איז דאָ אַ גרויסער לערער, — און לענין האָט זיך גערעכנט מיט דער צייט און מיט אירע אַנטוויקלונגען!

עס איז אויסגעקומען לענינען דורכצוברעכן נייע וועגן דורך אַ ווילד־וואַלד פון אַלערליי פאָראורטיילן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און אין דער יידישער פראַגע בפרט. אין אַן אָפּהאַנדלונג אין דעם סאָוועטישן זשורנאַל „וואָפּראָסי פילאָסאָפי" (פראַגן פון פילאָסאָפיע), נומער 9, 1967, פון מ. ס. דזשונוסאָוו, איז געזאָגט געוואָרן:

„נאַציאָנאַלע באַציאונגען זיינען צווישן די סאַמע פאַרוויקלטע פאַר־

מען פון סאָציאַלע באַציאונגען״... ״די דאָזיקע באַציאונגען ווירקן זיך אויס אין דער צווישן־אַקציע פון נאַציאָנאַלע קולטורן און שפּראַכן. די סאָציאָ־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלע באַציאונגען זיינען די־סאַמע פאַרוויקלטע. דאָ ווירקן אַזעלכע סטאַבילע פענאָמענען, ווי נאַ־ציאָנאַלער באַוואוסטזיין, נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, נאַציאָנאַלע סענטימענטן און אַ געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן, נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן, שטימונגען, סענטימענטן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פאַר אַנדערע מענטשן, אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלער עגאָאיזם זיינען העכסט וויכטיקע עלעמענטן אין די באַציאונגען צווישן נאַציאָנאַליטעטן״.

דער שרייבער, דזשונוסאָוו, הויבט אָן זיין אַרטיקל מיט דער דערקלערונג, אַז די ״אַנטוויקלונגען פון נאַציאָנאַלע באַציאונגען זיינען אַ וועזנטלעכער עלע־מענט פון די סאָוועטישע דערפאַרונגען אין דער סאָציאַליסטישער און קאָמו־ניסטישער בויאונג״. ער ווייזט אָן, אַז די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט באַ־שטעטיקט די מאַרקסיסטישע־לענינסטישע שטעלונגען פון פאַר דער רע־וואָלוציע. אָבער, זאָגט ער, ״אין דער זעלביקער צייט זיינען אויפגעשוואומען נייע פּראָבלעמען״. די לעצטע צוויי ווערטער דאַרף מען אונטערשטרייכן: ״נייע פּראָבלעמען״. אפילו אין דער ווירקלעכקייט פון אַ לאַנד, וואָס בויט סאָציאַליזם — אָדער ערשט אין אַזאַ לאַנד — שווימען אַזעלכע פּראָבלעמען אויף.

דעקלאַראַציע וועגן יידן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

עס איז קוים מעגלעך צו שאַפן זיך אַ באַגריף ווי אַזוי די דאָזיקע ״סאַמע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון סאָציאַלע באַציאונגען״ האָבן אויסגעקוקט ביים אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט, ווען לענין האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף פאַר אַ געהעריקן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די ירושה איז דאָ געווען אַ מוראדיקע. עס האָבן נאָך געווירקט אַלערליי פאָראורטיילן פון יאָרהונדערטער פריער, ספּעציעל טאַקע פאָראורטיילן בנוגע יידן און דער יידישער פראַגע.

אין לאָנדאָנער ״דזשואיש קראָניקל״, פון 12טן דעצעמבער, 1969, איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון רענע וויינגאַרטן, וועגן דעם פרייהייט־דענקער, איינעם פון די אָנזאָגער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָלטער. דער דאָזיקער — בכלל געגומען — הערלעכער פרייהייט־גייסט איז געווען פול מיט פאָראורטיילן קעגן יידן. נאָך אַזוי פרי ווי אין 1722 האָט ער דערקלערט, אַז ״אַ ייד געהערט צו קיין שום לאַנד, סיידן צו דעם וואו ער מאַכט דאָס געלט״. עס קוקט אויס, אַז ווען די באסטיל איז געפאַלן, אין 1789, האָט ער נאָך די פאָראורטיילן געהאַט.

אין 1962 האָט זיך אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער געטומלט וועגן אַ בוך פון וואָלטערס אַ מיטקעמפער, דעם פילאָזאָף־מאַטעריאַליסט, פּאָל היינריך האָלבאַך: ״די גאַלעריי פון הייליקע״, אָנגעשריבן אין 1770, ערב דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע — אַן אַנטי־רעליגיעזער בוך, וואָס איז פול מיט מורא־דיקע פאַרלוימדונגען אויף יידן. אין דעם שאַרפן אַנטי־רעליגיעזן קאַמף זייערן האָבן די ענציקלאָפּעדיסטן, שיסנדיק פיילן אין דער קריסטלעכער קירך, צום שאַרפסטן געצילט אין דעם אַלטן טעסטאַמענט און ביט פאַרגעסן, אַז יעזוס האָט געשטאַמט פון יידן. אַפנים צוליב דעם, אָדער צוליב אַנדערע סיבות — און געוויס אַלס רעזולטאַט פון יאָרהונדערטער פאָראורטיילן בנוגע יידן — האָט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אין איר היסטאָרישער עמאַנציפּאַציע־דעקלאַ־

ראַציע, געגעבן דעם יידן רעכט אַלס יחיד און קיין שום רעכט אַלס ציבור. „דעם יידן אַלס מענטש — אַלץ; די יידן אַלס כלל — גאָרניט", האָט געזאָגט דער גראַף קלערמאָן־טאָנער אין דער פראַנצויזישער אַסעמבלי דעם 12טן אָקטאָבער 1789. עס איז פאַרשטייט זיך קלאָר, אַז דורך באַ'עוולה'ענען דעם יידישן כלל איז שוין דער יידישער יחיד אויך באַ'עוולה'עט געוואָרן, דיסקרימינירט געוואָרן, האָט ניט געקראָגן קיין פולע רעכט.

קאַרל מאַרקס און פּרודאָן, פערדינאַנד לאַסאַל און קאַוטסקי

די פאָראורטיילן פון פריערדיקע יאָרהונדערטער, וועלכע האָבן באַווירקט אויך וואָלטערן און די אַנדערע פרייהייט־גייסטער פון זיין צייט, און האָבן געקראָגן אַן אָפּקלאַנג אין די היסטאָרישע פּאָסטולאַטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן פאַרשטייט זיך געהאַט זייער ווירקונג אויך אין דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען מאַרקס און ענגעלס האָבן געלייגט די יסודות פאַרן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. עס איז באַקאַנט, אַז מאַרקס אַליין, כאָטש ער האָט געשטאַמט פון יידן, האָט געהאַט זיינע פאָראורטיילן. זיין אַרבעט „צור יודענפראַגע", געשריבן ווען ער איז געווען אינגאַנצן 26 יאָר אַלט, האָט צוזאַמען מיט וויכטיקע פּאָזיטיווע איינשטעלונגען, אינגאַנצן גענומען, געטראָגן אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער און ווערט נאָך עד היום אויסגענוצט קעגן דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג. עס איז אָבער דאָ, ביי מאַרקסן, פאָרגעקומען אַ כסדרדיקער פּראָצעס. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", פון מאַרקס און ענגעלס, האָט שוין באַצייכנט אַ נייע שטופע און דאָס איינשטעלן זיך פון מאַרקסן מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אירלאַנד, זיין קאַמף אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אין די סוף 60קער יאָרן, קעגן דעם אַנאַרכיסט פּרודאָן און קעגן באַקונינען, האָבן ווידער באַצייכנט אַ נייע שטופע. מאַרקס אַליין האָט זיך אין זיינע ווייטערדיקע אַרבעטן ניט אומגעקערט — ווייניקסטנס ניט אַזוי אויסדריקלעך — צו די איינשטעלונגען פון יענער עסיי, וואו עס זיינען געווען אָפּקלאַנגען פון וואָלטערן בנוגע יידן. עס איז וויכטיק צו אונטערשטרייכן, אַז אין אַלע זיינע אַרבעטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פאַררופנדיק זיך אויף מאַרקסן, שטייענדיק פעסט אויפן באָדן פון מאַרקסיזם, האָט זיך לענין קיינמאָל ניט פאַררופן אויף יענער עסיי. לענין האָט זיך קאָנצענטרירט אויף מאַרקס' קאַמף קעגן פּרודאָנען און זיין (מאַרקס') צוגאַנג צו די קאַמפן אין אירלאַנד און נאַציאָנאַלע קאַמפן אין אַנדערע לענדער.

בנוגע דער יידישער פראַגע און קליינע פעלקער בכלל האָט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין אירע ערשטע צייטן, ממש געבושעוועט אַ וואולגאַרער, באַצווינגענדיק־אַסימילאַטאָרישער צוגאַנג. לעבינס מיטקעמפער, שמעון דימאַנשטיין, האָט אין זיין בראַשור „דער קאַמף פון לענינען קעגן לוקסעמבורגיזם", אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע אין 1933, אָנגעוויזן, אַז פערדינאַנד לאַסאַל האָט געהאַט דערקלערט: „איך אָנערקען די רעכט אויף נאַציאָנאַלקייט בלויז פאַר גרויסע קולטורעלע נאַציעס". דאָס איז שייך קלענערע נאַציעס, באַשטייט זייער „רעכט", לויטן לאַסאַלן, אין דעם — „זיי זאָלן אַסימילירט ווערן און זאָלן גיין פאָראויס מיט דער הילף פון די קולטורעלע, שטאַרקע נאַציעס". און לאַסאַל האָט דאָ דער עיקר געמיינט די „קולטורעלע שטאַרקע" דייטשע נאַציע.

קאַרל קאַוטסקי איז ניט אָפּגעשטאַנען פון לאַסאַלן אין דעם פּרט. מיט אַ

לענגערער צייט צוריק. אין יאַנואַר 1966, האָט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איבערגעדרוקט אַ דיסקוסיע אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" וועגן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט אין דער קולטור. איז דאָרט געזאָגט געוואָרן דאָס פּאָלגנדיקע: „אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט קאַרל קאַוטסקי אַרויסגעזאָגט די השערה וועגן דער אַסימילירונג פון אַלע נאַציעס דורך איין נאַציע, פון אַלע שפּראַכן דורך איין שפּראַך". און — לאָמיר צוגעבן — אויך ער האָט אינזינען געהאַט די דייטשע נאַציע, די דייטשע שפּראַך. און אָט דער קאַוטסקי האָט עס אַזוי פיל יאָרן פיגורירט אין דעם צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווי דער פּוסק אחרון איבער מאַרקסיזם!

לענינס פּאָלעמיק מיט ראָזאַ לוקסעמבורג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע

אין אַן אַרטיקל, געשריבן אין 1913, פּאָלעמיזירנדיק קעגן „בונד", האָט לענין, פּאַררופנדיק זיך פּאָזיטיוו אויף קאַוטסקין, געבראַכט ציפערן פון דער אימיגראַציע אין דעם שטאָט ניו יאָרק, לויט דער פּאָלקס־ציילונג פון יאָר 1900. ער רעכנט אויס די אַלע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן אַהער אימיגרירט, און פירט אויס, אַז דער שטאָט ניו יאָרק, „איז ענלעך צו אַ מיל, וועלכע מאָלט איבער די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן". איר האָט דאָ ניט נאָר די ווירקונג פון קאַוטסקין, נאָר אויך אַן אָפּקלאַנג פון זאַנגווילס „דער שמעלץ־טאָפּ". באַלד אָבער איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און קאַוטסקי האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט ווי אַ דייטשער שאָוויניסט, שטיצנדיק דעם קייזער ווילהעלמס מלחמה. לענין, אַרויסטרעטנדיק שאַרף קעגן קאַוטסקיס שאָוויניזם, האָט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַרפירט אַ קאַמף סיי קעגן די נאַציאָנאַליסטן־שאָוויניסטן און סיי קעגן די ניהיליסטן, וואָס האָבן פאַרקוקט, נעגירט, נאַציאָנאַלע אינטערעסן און נאַציאָנאַלע אונטערשיידן. אַ גאַנצע ריי וויכטיקע אַרבעטן האָט לענין אָנגעשריבן קעגן דער שטעלונג פון ראָזאַ לוקסעמבורג, וועלכע איז געווען קעגן דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילן, קעגן רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסבאַשטימונג. פּאַקטיש איז ער דאָ געווען פאַרוויקלט דער עיקר אין דעם קאַמף, קעגן לוקסעמבורגיזם, קעגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם. ווען מען גייט דורך זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערפילט מען ווי אינעם פּראָצעס פון דעם געראַנגל פורעמט ער אַלץ שאַרפער אויס זיין צוגאַנג. און דאָס איז ערשט געווען אַן אַריינפיר צו דעם נייעם פּעריאָד, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1917, מיט דער גרויסער עפּאָכע־מאַכנדיקער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

מיר וועלבן באַלד זען וואָס לענין האָט געהאַט צו זאָגן אין מאַי 1920, אין זיין ווערק: „די קינדער־קראַנקהייט פון ,לינקשאַפט' אין קאָמוניזם". אָבער לאָמיר געדענקען, אַז כאָטש בנוגע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען בכלל האָט מען אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג אינזינען געהאַט דאָס ווערק פון לענינען: „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי", אָנגעשריבן אין 1918, האָט מען אין דער נאַציאָנאַלער און יידישער פראַגע ניט אויפגעהערט קאַוטסקין נאָכפּאָלגן. אַזוי אַז דאָ אין לאַנד האָט מען, אינעם פאַרלאַג „אינטערנעשאַנאַל פּאַבלישערס" אַזוי שפּעט ווי אין 1926 אַרויסגעגעבן קאַוטסקיס העכסט־שעדלעך בוך „ראַסע אונד יודענטום" („אַר דהי דזשוז עי רעיס"). און

אַט דאָס בוך איז יאָרן לאַנג געווען — און איז טיילווייז אפשר נאָך היינט — אַ האַנט־בוך ביי געוויסע מענטשן אין דער יידישער פּראָגע!

מיר איז אויסגעקומען ביי עטלעכע געלעגנהייטן, זינט 1960, אָפּצושטעלן זיך אויף דעם דאָזיקן ווערק, וואו קאַוטסקי האָט געזוכט צו „לייזן" די יידן־פראַגע — דורך אָפּשאַפן דאָס יידישע פאָלק, דורך געוואַלטזאַמער אַסימילאַציע. און ער האָט, צווישן אַנדערע, פאָראויסגעזאָגט, אַז ווען אין אַמעריקע וועט אויפקומען אַ דריטער דור יידן, נאָך דעם ערשטן אימיגראַנטישן דור, וועט זיין אויס מיטן יידישן ישוב דאָ אין לאַנד...

עס וואָלט געקאָנט זיין צום לאַכן, ווען די שעדלעכע געדאַנקען פון קאַוטסקין, און אויך פון לאַסאַלן, וואָס האָבן שאַרף אַנגעשטעקט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאָ אין לאַנד (וועלכע איז אין אירע ערשטע יאָרן געווען מייסטנס אַ דייטשע), וואָלטן אויך ניט אַנגעשטעקט געוויסע עלעמענטן ביזן היינטיקן טאָג. אויך דער פרודאָניזם האָט דאָ געהאַט זיינע פאַרשפרייטער, ווען מען געדענקט, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַ ברייטע באַוועגונג אין דעם יידישן קוואַרטאַל מיט יאָרן צוריק.

לענין וועגן די „קינדער־קראַנקהייטן"

דאַרף מען זיך שאַרפער און גרינטלעכער ווענדן צו לעניניזן — דעם לעניזן פון ערב אָקטאָבער און דער עיקר טאַקע פון נאָך אָקטאָבער. „מאַרקסיזם איז ניט קיין דאָגמע, נאָר אַ וועגווייזער צו אַקציע", איז אַ באַקאַנטער לעניניס־טישער לאָזונג. אין דער אַקציע, אין דעם געראַנגל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אינעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם און קעגן נאַציאָנאַלן צוואַנג, קעגן אָפּאָרטוניזם און קעגן ניהיליזם, איז אויסגעשמידט געוואָרן אַ פּראָגראַם וואָס האָט נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע געבראַכט נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. בלייבנ־דיק געטריי דעם לעניניזם, אַ שאַפנדיקע וועלט־אַנשויאונג, וואָס פאַרטראָגט ניט קיין פאַרגליווערטקייט, מוזן געצויגן ווערן, ווי מיר האָבן געזען פון די עטלעכע שורות פון דעם ווערק פון א. דזשונוסאָוו, וואָס מיר האָבן צום אָנהייב געבראַכט, נייע אויספירן, מוזן געלערנט ווערן נייע לעקציעס. נאָכאַמאָל, „נאַציאָנאַלע באַציאונגען זיינען צווישן די סאַמע פאַרוויקלטע פאָרמען פון סאָציאַלע באַציאונגען". דאָ ווירקן זיך אויס „נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, נאַציאָנאַלע סענטימענטן, און אַ געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ". 50 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט מען אַזוי געשריבן:

באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיך אָבער באַוויזן די קינ־דער־קראַנקהייטן פון „לינקשאַפט" אין קאָמוניזם, פאַקטיש איז די „לינק־שאַפט" געווען אַ ירושה פון דער צייט פון קאַוטסקי, לאַסאַל און נאָך פריער, און פון דעם פרודאָניזם. אין דעם ספּעציעלן ווערק, וואָס לעניו האָט אָנגע־שריבן וועגן די „לינקע" קינדער־קראַנקהייטן האָט ער בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„כל זמן עס עקזיסטירן נאַציאָנאַלע און מלוכהשע אונטערשיידן צווישן פעלקער און לענדער — און די דאָזיקע אונטערשיידן וועלן זיך האַלטן נאָך זייער און זייער לאַנג, אפילו נאָכן פאַרווירקלעכן די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב, פאָדערט די אייניקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער ניט קיין באַזייטיקונג פון די פאַרשיידנאַרטי־

קייטן, ניט קיין פֿאַרניכטונג פֿון נאַציאָנאַלע אונטערשיידן [דאָס איז אַ פּוסטער חלום אינעם איצטיקן מאָמענט], נאָר אַזאַ אָנווענדונג פֿון די פּרינציפּן פֿון קאָמוניזם [די סאָוועטן־מאַכט און די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט], וועלכע זאָלן די דאָזיקע פּרינציפּן ריכטיק מאָדיפֿיצירן אין די דעטאַלן, ריכטיק זיי צופּאַסן, אָנווענדן צו די נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־מלוכהשע אונטערשיידן, אויספֿאָרשן, שטודירן, טרעפֿן, אָנכאַפּן דאָס נאַציאָנאַל־באַזונדערע, דאָס נאַציאָנאַל־ספּעציפֿישע אין די קאָנקרעטע צוגאַנגען פֿון יעדן לאַנד צו דער לייזונג פֿון דער איינהייטלעכער אינטערנאַציאָנאַלער אויפֿגאַבע; צום זיג איבערן אָפּאָרטוניזם און איבער דער לינקער דאָקטרינערישקייט אינעווייניק אין דער אַרבעטער באַוועגונג" (זייט 74 פֿון דעם ווערק, יידיש, צענטראַלער פֿעלקער־פֿאַרלאַג, מאָסקווע, 1927).

לאָמיר ווידערהאָלן: די פֿאַרניכטונג פֿון נאַציאָנאַלע אונטערשיידן — איז אַ „פּוסטער חלום" אינעם איצטיקן מאָמענט; אפֿילו נאָכדעם ווי דער קאָמוניזם וועט זיין עטאַבלירט איבער דער גאַנצער וועלט, וועלן נאָך „זייער און זייער לאַנג" זיין נאַציאָנאַלע אונטערשיידן; מ'דאַרף אַריינגיין אין דעטאַלן, בנוגע די נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־מלוכהשע אונטערשיידן, „אויספֿאָרשן, שטודירן, טרעפֿן, אָנכאַפּן דאָס נאַציאָנאַלער־באַזונדערע, דאָס נאַציאָנאַל־ספּעציפֿישע" און אַזוי ווייטער. איר האָט דאָ די געניאַלע פּשטות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר לענינען. און איר האָט דאָ אויך דעם אָנזאָג ניט צו בלייבן פֿאַרגליווערט, נאָר ווייטער פֿאָרשן, שטודירן, לערנען די לעקציעס פֿונעם לעבן.

מיר וועלן שפּעטער ברענגען עטלעכע קורצע מוסטערן פֿון דעם ווייטערדיקן אויספֿאָרשן און שטודירן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, לויטן לעניניזם, די לעצטע עטלעכע יאָר. לאָמיר אָבער זען וואָס לענין האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דער יידישער פֿראַגע. וואָס ער האָט געטאָן, ווי אַזוי יידיש און יידישע קולטור האָבן אויפֿגעבליט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווייסן מיר. די דאָזיקע פּראַקטיק פֿונעם לעניניזם האָט אַרויסגעדרונגען פֿון דער טעאָריע פֿון לעניניזם. די פּראַקטיק נאָך אָקטאָבער איז ניט געווען קיין צופֿאַל, אָדער עפּעס אַן אָפּאָרטוניסטיש, צייטווייליק מיטל. דאָ איז געווען ציל־באַוואוסטקייט און אַן אָנגעצייכנטע פּראָגראַם.

שוין אין די באַרימטע אַפּריל־טעזיסן, ווען לענין איז (אין אַפּריל 1917) געקומען קיין רוסלאַנד, פֿון דער שווייץ, און באַלד אויסגעלייגט די פּראָגראַם פֿאַר אַן אַרבעטער־מלוכה, האָט ער אַריינגעשריבן, אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, די באַוואָרענישן, וואָס זאָלן שטימען מיט דעם „נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל" פֿון דער באַפֿעלקערונג. אין דעם פּראָיעקט פֿאַר אַ פּראָגראַם פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס ער האָט צוגעגרייט צום אַכטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין מערץ 1919, האָט ער געשריבן:

„מצד די אַרבעטער פֿון די נאַציעס, וועלכע זיינען ביים קאַפּיטאַליזם געווען די אונטערדריקער, פֿאָדערט זיך אַ באַזונדערע פֿאָרזיכטיקייט לגבי די נאַציאָנאַלע געפֿילן פֿון די אונטערדריקטע נאַציעס [למשל, מצד די גרויסרוסן, אוקראַינער, פּאָליאַקן לגבי די יידן, מצד די טאָטערן לגבי די באַשקירן און דאָס גלייכן], אַ מיטאַרבעט אין דער ריכטונג ניט בלויז פֿון פֿאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר צו אַנטוויקלען די שפּראַך, ליטעראַטור פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון די פֿריער אונטערדריקטע נאַ־

ציעס, כדי צו באַזייטיקן אַלע שפּורן פון די גערירשנטע פון דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם אומצוטרוי און פאַרפראַמדקייט" (לענין, „פראָגראַם אויפן געביט פון נאַציאָנאַלע באַציאונגען", באַנד 38, ז. 111).

דריי בריוו פון לענינען

נאָכן 20טן קאָנגרעס, אין 1956, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דריי בריוו פון לענינען, וואָס ער האָט געשריבן צום סוף 1922, אין פאַרבינדונג מיט זיין קאַמף קעגן סטאַלינען, אָרדזשאָניקידזען און אַנדערע, אין דער פראַגע פון אויטאָנאָמיע, אָדער מלוכהשאַפט, פאַר די קאַווקאַזער געגנטן. לענין האָט דאָ געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן גרויס־רוסישן שאָוויניזם. ער האָט אין די בריוו דערמאָנט אין זיין פונדאַמענטאַלער איינשטעלונג וועגן אַן אונטערשייד צווישן דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקט פאָלק און דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקעריש פאָלק. ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז ניט גענוג צו געבן פאָרמעלע גלייכקייט אַ פאָלק, וואָס איז פריער געווען אונטערדריקט. מ׳דאַרף דעם דאָזיקן פאָלק שענקען ספּעציעלע איינזעעניש. ער האָט פאַרגעוואָרפן סטאַלינען און די אַנדערע פאַר באַשולדיקן די גרוזינער אין „סאָציאַל־נאַציאָנאַליזם". דער וואָס וואַרפט אַזאַ באַליידיקונג, האָט לענין געשריבן, איז אַליין ניט נאָר אַ „סאָציאַל־נאַציאָנאַליסט", נאָר „אַ מגושמדיקער גרויס־רוסישער גראָביאַן".

„קיין זאַך — האָט לענין אין די בריוו געשריבן — שטערט ניט אַזוי די אַנטוויקלונג און די פאַרשטאַרקונג פון פּראָלעטאַרישער קלאַסן־סאָלידאַריטעט, ווי נאַציאָנאַלע אומגערעכטיקייט, און צו קיין זאַך זיינען נאַציאָנאַלע ,געפילן׳ ניט אַזוי סענסיטיוו ווי דאָס באַגרענעצן נאַציאָנאַלע גלייכקייט, אפילו ווען דאָס ווערט געטאָן דורך נאַכלעסיקייט, אפילו אין דער פאָרם פון אַ וויץ, און ספּעציעל דאָס באַגרענעצן נאַציאָנאַלע גלייכהייט מצד אַן אייגענעם פּראָלעטאַרישן חבר. דעריבער איז אין דעם איצטיקן פאַל בעסער צו איבערטרייבן אויף דער אַנדערער זייט, דורך אַ גרייטקייט צו מאַכן קאָנצעסיעס און געבן אַ מילדע באַהאַנדלונג אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, איידער ניט צו גיין ווייט גענוג".

„...אינטערנאַציאָנאַליזם מצד דער אונטערדריקערישער אַזוי גערופענער ,גרויסער׳ נאַציע [כאָטש גרויס נאָר דורך גוואַלט־מעשים, גרויס נאָר אין דעם זין פון ברוטאַליטעט] מוז באַשטיין ניט נאָר אין אָפּהיטן די פאָרמעלע גלייכקייט פון נאַציעס, נאָר אויך אין אַזעלכע אומגלייכקייטן, וואָס זאָלן גוט מאַכן מצד דער אונטערדריקערישער נאַציע, דער גרויסער נאַציע, פאַר די אומגלייכקייטן, וועלכע ווערן פאַקטיש געשאַפן אין לעבן. ווער עס פאַרשטייט דאָס ניט, דער באַגרייפט באמת ניט דעם פּראָלעטאַרישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע".

עס געדענקט זיך, אַז אין זיין ווערק „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי" האָט לענין אָנגעוויזן, אַז נאָך דער רעוואָלוציע איז ניט גענוג צו געבן די אַרבעטער די זעלביקע רעכט וואָס די בורזשואַזיע האָט. דאָס וועט פאַקטיש באַדייטן, אַז די אַרבעטער האָבן ווייניקער רעכט. כדי עס זאָל באמת זיין גלייכקייט, דאַרף מען דער בורזשואַזיע געבן ווייניקער רעכט — דעמאָלט וועט זיין אמתע גלייכקייט. אָט אַזוי באַקומט זיך דאָ אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. פאָרמעלע גלייכקייט צווישן פעלקער באַוואָרנט נאָך ניט

גלייכקייט פאַר די פון פריער אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן. זיי דאַרפן קריגן ספּעציעלע רעכט, כדי עס זאָל זיך באַקומען אמתע גלייכקייט. און זעט אָקאָרשט ווי לענין הערט ניט אויף וואַרענען מ׳זאָל זיין סענסיטיוו, אפילו זיין אָפּגעהיט מיט אַ וויץ, וואָס קאָן באַליידיקן אַ פאָלק, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען אונ־טערדריקט.

לענינס רעדע קעגן פּאָגראָמען

לאָמיר דאָ אָנוואַרפן אַ פּאָר שטריכן פון לענינס צוגאַנג ספּעציעל צו דער יידישער פראַגע. איר זעט אין זיינע ווערק וועגן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אָפּ־האַנדלונגען וועגן קעשענאָווער פּאָגראָם פאַרעפנטלעכט אין דער „איסקראַ" אין יוני 1903; וועגן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, פאַרעפנטלעכט אין „וופּעריאָד" אין יוני 1906. אין אַ גאַנצער ריי אַרבעטן זיינע, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, פיגורירט די יידישע לאַגע, רעדט זיך וועגן דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג.

וואָס שייך קאַמף קעגן פּאָגראָמען, דאַרף דערמאָנט ווערן די היסטאָרישע רעדע זיינע, אין מערץ 1919, אונטערן נאָמען „וועגן דער פּאָגראָם־העצע אויף יידן", פּראָדוצירט אויף אַ רעקאָרד (דיסק), פאַרן גראַמאָפאָן. מיר׳ן דאָ ברענגען עטלעכע שורות פונעם אָנהויב פון דער רעדע:

„נאָר גאָר פינצטערע, גאָר דערשלאָגענע מענטשן קאָנען גלויבן דעם שקר און די רכילות וואָס איז פאַרשפּרייט קעגן יידן. דאָס זיינען די רעשטן פון דער אַלטער לייב־שקלאַפערישער צייט, ווען גלחים פלעגן צווינגען צו פאַרברענען אפּיקורסים אויף די שייטערס".

די רעדע פאַרענדיקט זיך מיט די אויסרופן:

„אַ שאַנד אויפן פאַרפלוכטן צאַריזם, וועלכער האָט געפּייניקט און פאַרפאָלגט די יידן! אַ שאַנד אויף די וואָס זייען שנאה צו יידן, וואָס זייען האַס צו אַנדערע נאַציעס!"

ניט נאָר צו דער יידישער פראַגע, נאָר אויך צו אַרבעט צווישן יידן האָט לענין אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס. איינער פון זיינע מיטקעמפער, ש. דימאַנשטיין, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט אין דער סאָוועטן־רעגירונג, ניט לאַנג נאָך איר גרינדונג, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז לענין האָט אים געשריבן, אין 1916, פון דער שווייץ, קיין פּאַריז, וואו דימאַנשטיין האָט דעמאָלט געוואוינט, מ׳זאָל איבערזעצן זיין, לענינס, בראָ־שור „סאָציאַליזם און מלחמה" אויף יידיש. דימאַנשטיין האָט זיך אַליין גע־נומען צו דער איבערזעצונג, אָבער צוליב דעם וואָס ער האָט דעמאָלט געאַר־בעט לאַנגע שעה׳ן אין אַ פאַבריק, אין פּאַריז, האָט זיך דער ענין אַזוי פאַר־צויגן, אַז ער האָט געהאַט באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם ענין. עס איז אויך גע־ווען אַ פראַגע פון פינאַנציעלע מיטלען. ווען לענין האָט זיך וועגן דעם דער־וואוסט, האָט ער אים געשריבן, אַז ער איז ניט מסכים מיטן פּלאַן אויפצוגעבן די יידישע איבערזעצונג. ער האַלט — גיט איבער דימאַנשטיין לענינס מיינונג — „אַז דאָס פּאָליטישע געוויכט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן איז גאַנץ באַ־דייטנדיק און ער האָט פאַרגעלייגט געפינען די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן די בראָשור אויף יידיש".

וועגן דעם און וועגן אַלץ וואָס איך האָב באַרירט ביז איצט, איז וויכטיק צו דערציילן, באַלייכטן, אָפּפרישן, אַרויסהויבן די ראָל פון לענינען ביז דער

אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אַוודאי און נאָך מער נאָך דער רעוואָלוציע, ווען דאָס יידישע לשון, אָריגינעל און אין איבערזעצונגען, אין דער ליטעראַטור און פּרעסע און טעאַטער, ווי אין מלוכה־אַנשטאַלטן, אין יידישע סאָוועטן און יידישע געריכטן, אינסטיטוטן, אין יידישע קינדער־שולן און אַזוי ווייטער, האָט אַזוי וואונדערלעך זיך צעבליט. עס ווערט פאַרשטייט זיך קלאָר, ווי זינלאָז עס איז, ווי שעדלעך, — אַ פאַרלעצונג פונעם לעניניזם, ווען מען ציטירט פון דעם וואָס לענין האָט געשריבן אין 1903 און 1913, איידער קאַוטסקי איז דערקענט געוואָרן, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַרויסרוקן דאָס ווי דעם קווינט־עסענץ פון לענינס צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער און יידישער פראַגע! דאָס איז ממש מאָנסטערהאַפט! גראָד זיינע אַרבעטן ערב אָקטאָבער און נאָך אָק־טאָבער — און דער עיקר טאָקע זיינע מעשים נאָך אָקטאָבער — דאַרפן אַרויס־געהויבן ווערן. אָבער עס וועט זיין אַ טעות, ניט לעניניסטיש, אפילו ביי דעם זיך אָפּצושטעלן.

דימיטראָוו קעגן ניהיליזם

דער קאַמף פאַר אַ געהעריקן צוגאַנג אין דער נאַציאָנאַלער און יידישער פראַגע איז אַן אַנהאַלטנדיקער, אַ כסדרדיקער, לערנענדיק פון די דערפאַרונ־גען, וואָס דאָס לעבן שטעלט צו, נעמענדיק אין אַכט דעם גאַנג פון דער צייט. און גורלדיקע צייטן זיינען דאָך אויפגעקומען אין די יאָרן נאָכדעם ווי לענין איז אַוועק!

דאָס אויפקומען פונעם פאַשיזם־נאַציזם האָט די לייזונג פון דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע געשטעלט פאַר נייע נסיונות און נייע דערפאַרונגען, פאַר קאַמפן קעגן נייע פאַרקריפּלונגען. אַזוי האָבן מיר געזען ווי דער געטרייער תלמיד פון לענינען, געאָרגי דימיטראָוו, האָט בשעת דעם אויפשטייג פון פאַשיזם־נאַציזם אָנגעוויזן אויפן גרויסן שאָדן, וואָס דער נאַציאָנאַלער ניהיליזם ברענגט. אין זיין רעדע אויפן זיבעטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין אויגוסט 1935, האָט דימיטראָוו אָנגעוויזן, אַז דער פאַשיזם באַנוצט זיך מיט נאַציאָנאַלע העלדן, שטעלט זיך אַרויס ווי דער יורש פון „אַלץ וואָס איז הערלעך און העראָאיש אין דער פאַרגאַנגענהייט" פונעם פאָלק. דימיטראָוו האָט געוואָרנט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אייראָפּע, אין אַמעריקע, צו „פאַר־בינדן דעם איצטיקן קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון פאָלק, מיט זיין פאַרגאַנגענהייט". ווען פּראָגרעסיווע זאָלן דאָס ניט טאָן, האָט די־מיטראָוו געוואָרנט, „גיבן זיי פריייוויליק איבער די פאַשיסטישע פאַלסיפיקאַ־טאָרס אַלץ וואָס איז ווערטפול אין דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק".

דימיטראָוו האָט גערופן צום קאַמף סיי קעגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און סיי קעגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם און האָט געוואָרנט, אַז דער, וואָס מיינט אַז דער גייסט פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם „דערלויבט אים, אָדער צווינגט אים גאָר, חוזק צו מאַכן פון אַלע נאַציאָנאַלע געפילן פון די ברייטע מאַסן", דער איז ווייט פון צו זיין אַן אמתער פּראָגרעסיסט. און דאָ האָט דימיטראָוו דערמאָנט די עסיי פון לענינען, אין דעצעמבער 1914: „וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די גרויס־רוסן". לענין האָט דאָרט דערקלערט: „מיר האָבן ליב אונדזער שפּראַך און אונדזער היימלאַנד", זיינען שטאָלץ מיט די רעוואָלוציאָנערע טראַ־דיציעס פון די דעקאַבריסטן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן. „מיר זיינען פול מיטן געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ — האָט לענין דערקלערט — און גראָד

דעריבער האָסן מיר באַזונדער אונדזער קנעכטישע פאַרגאַנגענהייט און אונדזער קנעכטישע געגנוואַרט". און דאָ האָט לעניך געבראַכט דעם לאָזונג פון מאַרקס און ענגעלס: „עס קאָן ניט זיין פריי אַ פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַנדערע פעלקער".

דער פאַשיזם, דער נאַציזם, די אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן יידן און מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער, האָבן געגעבן נייע לעקציעס די פעלקער פון דער וועלט, און ספּעציעל טאַקע יידן, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. און ווייטער און ווייטער דאַרף מען לערנען פון דערפאַרונגען. און אַוודאי דאַרף מען איצט מאַכן נייע אויספירן, אינעם בליק פון די היסטאָרישע, עפּאָכע־מאַכנדיקע קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, ווען עס זיינען זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה געבאָרן געוואָרן אַרום זיבעציק נייע מלוכות. אַלערליי שבטים האָבן אויפגעלעבט, שפּראַכן זיינען אַנטוויקלט געוואָרן, נייע ליטעראַטורן זיינען באַשאַפן געוואָרן. עס דאַרף כסדר פאַרגעזעצט ווערן דער קאַמף פאַר אַ שעפערישן, באמת לעניניש צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

היינטיקע סאָוועטישע טעאָרעטיקער וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע

אַ געוויסע אויפלעבונג אין דעם קאַמף איז פאַרצייכנט געוואָרן אין 1966, ווען עס איז געוואָרן 50 יאָר זינט לעניך האָט אָנגעשריבן זיין גרויסע עסיי: „וועגן יוניוס'עס בראָשור", די בראָשור פון ראָזאַ לוקסעמבורג (אונטערן פסעוודאָנים „יוניוס"). אין דער עסיי האָט לעניך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט זיין טעאָריע וועגן די רעכט פון פעלקער פאַר זעלבסט־באַשטימונג. דאָ, צום 50טן יאָרטאָג פון דער עסיי, האָט געמאַכט גאָר אַ וויכטיקן ביטראַג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד עדוואַרד באַגראַמאָוו, אַן אַרמענער, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער „פּראַוודאַ" (17טן אָקטאָבער, 1966) אַן אַרבעט: „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין דער היינטיקער צייט" (באַמערקט די ווערטער: „אין דער היינטיקער צייט"). ער רעדט וועגן די, וואָס האָבן געהאַט אַן איינשטעלונג אויף אַ „באַלדיקער צונויפשמעלצונג פון אַלע נאַציעס". אַזאַ איינשטעלונג, זאָגט ער, קאָן נאָר אָפּשטויסן די מאַסן פון סאָציאַליזם". „אַזעלכע שטעלונגען — שרייבט ער — האָט לעניך באַצייכנט ווי אַ קאַריקאַטור אויפן מאַרקסיזם, ווי אַן אויסדרוק פון דאָגמאַטיזם און סעקטאַנטישקייט".

ע. באַגראַמאָוו רעדט דאָ וועגן אַן אַנדער וויכטיקער איינשטעלונג פון לעניגען — וועגן דעם טאָפּלטן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר גלייכצייטיק, אויך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אָבער ספּעציעל אין די סאָציאַליסטישע: פון איין זייט — די דערנענטערונג צווישן פעלקער און פון דער אַנדערער זייט — די פאַנאַנדערבליאונג פון יעדן פאָלק באַזונדער. און ווי אַן אָפּקלאַנג פון יענער ציטאַטע, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון לעניגס „קינדער־קראַנקהייט פון ,לינקשאַפט' אין קאָמוניזם", דערקלערט באַגראַמאָוו אין דעם „פּראַוודאַ"־אַרטיקל:

„דער וועג צו דער קינפטיקער צונויפגיסונג פון די נאַציעס ליגט דורך אַ לאַנג־דויערנדיקער און אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון די נאַציעס, פון זייערע קולטורן און שפּראַכן".

דער אַרטיקל פון ע. באַגראַמאָוו איז אויך געווען אַן ענטפער אויף דער אַזוי־גערופענער — אין יענער צייט — „קולטור־רעוואָלוציע" אין כינע, וועלכע

האָט זיך אָפּגעוואָרפֿן פֿון נאַציאָנאַלער קולטור־ירושה. אַן אַנדער אַרבעט, אַ גרעסערע, האָט באַגראַמאַוו אָפּגעדרוקט אין דעם מאָסקווער זשורנאַל „קאָמו־ניסט" (נומער 14, 1966), אונטערן טיטול: „שאָוויניזם און נאַציאָנאַלער ניהי־ליזם אין דער אידעאָלאָגיע פֿון אימפּעריאַליזם". ביידע זאַכן, הייסט עס, דינען דעם אימפּעריאַליזם — סיי דער שאָוויניזם און סיי דער נאַציאָנאַלער ניהיליזם.

אַ וויכטיקן אַרטיקל האָט דער זעלביקער עדוואַרד באַגראַמאַוו פֿאַרעפֿנט־לעכט אין דעם זשורנאַל „סאָוויעט לאַיף" (סעפּטעמבער, 1967), פֿון וועלכן מיר וועלן דאָ ברענגען די פֿאָלגנדיקע שורות:

„דאָס נאַציאָנאַלע גייט האַנט אין האַנט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן"...
„קיינער פֿרעגט ניט אָפּ לענינס טעזיס, אַז נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן וועלן עקזיסטירן אַ לאַנגע צייט, געוויס אין דער פֿאַראויסגעזעענער צו־קונפֿט"... „די באַהויפּטונג, אַז דער סאָציאַליזם פֿאַרשוועכט נאַציאָ־נאַלע כאַראַקטעריסטיקעס און סטאַנדאַריזירט נאַציאָנאַלע קולטורן שטימט ניט מיט דערווירקלעכקייט"... „דער אמתער אינטערנאַציאָנאַליסט האָט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און שאַצט אָפּ נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. איינער וואָס האָט ניט ליב זיין אייגן פֿאָלק איז ניט געניגט צו רעספּעקטירן אַנדערע פֿעלקער".

פֿאָלק און נאַציע

פֿאַרטייטשן דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע, איז דאַכט זיך ניט נויטיק. בײַם איבער־גיין דירעקט צו פּראָבלעמען פֿון דעם יידישן פֿאָלק, קומענדיק נעענטער צו די אויפֿגאַבן פֿונעם איצטיקן מאָמענט, פֿאָדערט זיך אַ באַלויכטונג פֿון דעם ענין פֿאָלק און נאַציע. געניג וועט זיין פֿאַר אונדז דאָ צו אונטערשטרייכן, אַז די צוויי באַגריפֿן טאָרן ניט געבוטן ווערן ווי פֿאַרגליוועריטע, ווי אַזעלכע וואָס זיינען ווען עס איז אַרויסגעשפּרונגען פֿאַרטיקע פֿון אַ וועלכן עס איז פֿורעם און זיינען מעכאַניש איבערגעגאַנגען איינער אינעם אַנדערן. אַלץ איז קאָמ־פּליצירט, פֿליסעוודיק און באַוועגלעך. עס האַנדלט זיך וועגן עטנישע סאָציאָ־פּסיכאָלאָגישע באַגריפֿן, אויסדרוקן, פֿענאָמענען פֿון „נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן, נאַציאָנאַלן שטאָלץ, שטימונ־גען, סענטימענטן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס" — צו ציטירן ווידעראַמאָל פֿון דער אַרבעט פֿון מ. ס. דזשונוסאָוו — וועלכע האָבן עקזיסטירט און זיך אויסגעפֿורעמט, מיט פֿאַרשיידענע טראַנספֿאָרמאַציעס און ניואַנסן, אין משך פֿון אַ סך דורות; האָבן אָפּגעשפּיגלט דערגרייכונגען און דורכפֿאַלן, העראָאיזם און מאַרטירערטום אין די פֿאַרשיידענע פּעריאָדן פֿון דער געשיכטע. אַלץ איז דאָ אין כסדרדיקער יערונג, קאָן מען זאָגן. אָבער אַרום און אַרום איז קלאָר, אין פֿאַרענדיקטע — און דעריבער אפֿשר ניט גענוי־וויסנשאַפֿטלעכע טערמי־נען — וואו מיר האַלטן מיטן יידישן פֿאָלק.

עס איז שוין אָנערקענט געוואָרן פֿון אַלעמען, אַז אין מדינת ישראל האָט זיך אויסגעפֿורעמט אַ נאַציע, לויט די טערמינען פֿון אַ היסטאָריש־געשאַפֿענער סטאַבילער געמיינשאַפֿט, מיט אַן איינהייטלעכער שפּראַך, טעריטאָריע, עקאָנאָ־מיק, גייסטיקער סיסטעם. אויך די טערמינאָלאָגיע, וואָס שטאַמט פֿון 1913, פֿאָרמולירט דעמאָלט דורך סטאַלינען, אונטער דער ווירקונג פֿון לענינען, איז שוין אָפּגעלעבט. עס ווערט איצט אָנגעוויזן, למשל, אַז די נעגער־מאַסן אין אַמעריקע, כאָטש זיי וואוינען ניט אין איין איינהייטלעכער טעריטאָריע, זייער

קאָנצענטראַציע אויף דרום איז שטאַרק פאַרקלענערט, וואוינען אין גרויסע מאַסן אויף צפון, מיטל־מערב און מערב, באַנוצן ניט קיין באַזונדערע שפּראַך, זיינען דאָך פונדעסטוועגן אַ נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט, מיט אייגענע נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן.

ס׳איז קלאָר, אַז וואָס שייך יידן, איז צוזאַמען מיט מדינת ישראל, וואו יידן זיינען אַ נאַציע, פאַראַן אַ יידיש פאָלק, וואָס איז צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, — טיילן וואָס זיינען פאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן. דאָס פאָלק באַשטייט פון קלאַסן, פאַרשטייט זיך, וואָס פירן צווישן זיך אַ געראַנגל. וועגן דעם שפּעטער. דאָ רעדן מיר פונעם פאָלק.

אַשוויענטשים אין דער יידישער געשיכטע

איליאַ ערענבורג האָט געהאַט געפרעגט, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט אַ ייד פון טוניס מיט אַ ייד פון שיקאַגאָ, — ווען ניט דער אַנטיסעמיטיזם. אָט דער דאָזיקער „ווען ניט״, איז פאַרשטייט זיך זייער וויכטיק געווען, אויף דער־מאָלט, אין סעפּטעמבער 1948, ווען ערענבורג האָט די פראַגע געשטעלט, אין זיין באַרימט־געוואָרענעם אַרטיקל אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ״. אין אַלע צייטן איז דער אַנטיסעמיטיזם, די פאַרפאָלגונג אויף יידן, געווען אַ צעמענט, וואָס האָט באַהאַפטן יידן צווישן זיך. באַזונדערס קלאָר איז דאָס געוואָרן אינעם פעריאָד פון דער היטלער־אויסראָטונג פון אַ דריטל פון יידישן פאָלק.

אַן אַנדער „ניט־יידישער ייד״, ווי איליאַ ערענבורג — יצחק דויטשער, זאָגט אין זיין ניט לאַנג צוריק דערשינענעם בוך: „דהי נאָן־דזשואיש דזשו״ („דער ניט־יידישער ייד״), אַז „אַשוויענטשים איז געווען דאָס שרעקלעכע ווי־געלע פון דעם נייעם יידישן באַוואוסטזיין און פון דער נייער יידישער נאַציע״. דאָס איז ריכטיק, פאַרשטייט זיך! עס איז נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט גע־וואָרן צווישן יידן — און אויך צווישן ניט־יידן — דער היסטאָרישער באַדייט פון די אַלע באַבי יאַרס און פּאָנאַרס און אַשוויענטשימס, פון די אַלע „טיפע גריבער, רויטער ליים״. די אַלע ברידער־און שוועסטער־קברים אין מזרח־איי־ראָפּע, די אַלע בערג מענטשן־אַש, יידן־אַש, יידן־זייף און נאָך גרויל־פּראָדוקטן פון דעם נאַציזם. עס איז נאָך ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט געהאַט און מוז ווייטער האָבן אויף דעם יידישן געמיט, אויף דער יידישער פּסיכיק. די ווירקונג מוז זיך ניט אויסדריקן אין געוואַלטזאַמע, דראַ־מאַטישע דערשיינונגען. אָבער אָן ספק איז דאָס אַ ווירקונג אַן אַנהאַלטנדיקע און לאַנג־דויערנדיקע אויף דורות און דורות.

און אַזוי די ווירקונג פון דעם יידישן העראָאיזם אין דעם זעלביקן פעריאָד, פון יידישער גבורה. אויב דער גרויל פונעם יידישן חורבן איז שוין אַרויס־געפירט געוואָרן אין דער זיך אַלץ־מערנדיקער חורבן־ליטעראַטור אויף פאַר־שיידענע שפּראַכן — און אַזעלכע ביכער הערן ניט אויף צו דערשיינען, אויך איצט, 25 יאָר נאָך דער מלחמה — איז נאָך דער יידישער העראָאיזם, די גבורה פון די מרדכי אַנילעוויטשעס און יוסף לעוואַרטאָווסקיס, פון די איציק וויטענ־בערגס און טאַמאַראַף־טענענבוימס, ווייט נאָך ניט ווי געהעריק באַלויכטן געוואָרן.

מיר האָבן דאָ אַ טיף־ווירקנדיקן עלעמענט אויף צוגעבונדנקייט צווישן יידן, אויף נאַציאָנאַלן יידישע באַוואוסטזיין, נאַציאָנאַלן שטאָלץ. און ווייטער: אין דעם גרוילהאַפטן ליכט פונעם חורבן דאַרף ערשט אָפּגעשאַצט ווערן וואָס

אַנטיסעמיטיזם איז אַזוינס. עס איז דאָ אַן אויסדרוק, אַז אַ וועג פון טויזנט מייל הויבט זיך אָן מיטן ערשטן טראָט. אויב קיין אַשוויענטשים איז דער אַנטי־יידישער ראַסיזם, דער אַנטיסעמיטיזם, צוגעקומען נאָך אַ מהלך פון טויזנ־טער מייל, פון דורות יידן־פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, יידן־האַס, פאָראורטיילן, אַרויסזאָגונגען פון לוטער און ניטצשע, וואַגנער און ה. ס. טשעמבערלעין, און אַנדערע דייטשע אַנטיסעמיטן, איז דער אַנטיסעמיטיזם בכלל, יעדער אַנ־טיסעמיטיזם, אַ טראָט אין דער ריכטונג פון אַשוויענטשים, פון „ענדגילטיקער לייזונג". אָט אין אַזאַ ליכט מוז געגומען ווערן דער אַנטיסעמיטיזם און אָט צוליב דעם דאַרף מען זיין אַזוי וואַכזאַם צו אים און אים באַקעמפן באַצייטנס, באַקעמפן די חולאת אין אירע ערשטע סטאַדיעס, איידער זי דערפירט צו גאַז־קאַמערן.

ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, ספּעציעל פון דעם נאָך־אַשוויענטשים פּעריאָד, איז אַ פאַרבינדונג־עלעמענט צווישן יידן. עס זיינען אָבער פאַראַן זיך דאָ אַנדערע, פּאָזיטיווע, עלעמענטן, וואָס פאַראייניקן, ווי — געשיכטע פון טויזנטער יאָרן, געשיכטע פון מאַרטירערטום און גבורה, פון דערגרייכונגען און דורכפאַלן; קולטור — אין פאַרשיידענע שפּראַכן און אוודאי אויף יידיש און העברעיאיש; טראַדיציע, געוואוינהייטן, מנהגים, פּסיכיק, מאכלים אפילו, משפּחה־פאַרבינדונגען. אין משך פון אַ סך דורות איז די רעליגיע געווען די גרעסטע פאַרבינדונג־קראַפט, און זי שפּילט נאָך היינט אַ גרויסע ראָל. אַזאַ איז דיווירקלעכקייט!

מיר האָבן געזען פריער, אַז ווען לענין האָט גערעדט וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די רוסן, האָט ער אָנגעוויזן אויף די דעקאַבריסטן און בכלל רוסישע רעוואָלוציאָנערע קעמפער. אַזוי רוקן אַרויס יידישע רעוואָלוציאָנערן מיט שטאָלץ די ראָל וואָס יידישע פרייהייט־קעמפער האָבן אין משך פון דורות געשפּילט אין די פאַרשיידענע לענדער, אין רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, און טאַקע אין קאַמף פאַר די סאָוועטן און פאַר סאָציאַליזם בכלל.

ראָל פון מדינת ישראל

עס פאַרשטייט זיך, אַז מדינת ישראל שפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם יידישן לעבן. מיר איז אויסגעקומען אין מיין פריערדיקער אַרבעט דאָ אין דער בראָשור („נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אינעם ליכט פון דער ווירקלעכקייט") צי־טירן פון אַן אַרטיקל פון דעם נעגער־פירער, דעם מאַרקסיסט קלאָד לאַיטפוט, וועלכער האָט אָנגעוויזן אינעם זשורנאַל „פּאָליטיקל אַפעירס" פון נאָוועמבער 1968, אַז „דאָס יידישע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט האָט זיך פאַראייניקט צו העלפן אויספורעמען די אויפשטייגנדיקע נאַציע אין ישראל". אַזאַ איז פאַר־שטייט זיך געווען די ווירקלעכקייט. האָבן מיר דען ניט אין ניו יאָרק דע־מאָנסטרירט אין 1948 מיט לאָזונגען: „געווער פאַר דער הגנה"? האָבן דען ניט גראָד די פּראָגרעסיווע יידישע עלעמענטן אין ניו יאָרק איינגעאָרדנט די גרעסטע פייערונג, אין פּאָלאָ גראַונדס, ווען ישראל איז געבאָרן געוואָרן?

עס איז דעמאָלט קלאָר פאַרשטאַנען געוואָרן פון אַלעמען, אַז דאָס איז ניט געווען אַן אויסדרוק פונעם ציוניזם — כאָטש אין די דעמאָנסטראַציעס און פייערונגען האָבן זיך געוויס באַטייליקט אויך ציוניסטיש־געשטימטע עלעמענטן — און אַזוי מוז קלאָר זיין איצט. דער אויפשטייג פון יידישער מלוכהשאַפט אין ישראל, נאָך קאַרגע צוויי טויזנט יאָר, איז אַן ענין פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

און ווידער קאָן מען אָנווייזן אויף ניט־יידן, מאַרקסיסטן, ווי אַזוי זיי האָבן דאָס באַגריפן.

אין זייער קאַמף אין דער יו־ען, צו העלפן גרינדן די יידישע מלוכה, האָבן די סאָוועטישע פאַרשטייער, אַנדרעי גראָמיקאָ, סעמיאָן צאַראַפּקין, ק. קיסעלעוו, ל. קאַמינסקי און אַנדערע, גערעדט ניט נאָר וועגן די יידישע ליידן בשעת דער מלחמה, פאַר וועלכע יידן דאַרפן פאַרגיטיקט ווערן, נאָר אויך אָנגעוויזן, אַז — ציטירנדיק פון גראָמיקאָן — „די שטרעבונגען פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק זיינען געבונדן מיט פּאַלעסטינע"; אַז „עס וואָלט געווען אַן אומרעכט ווען מיר וואָלטן זיך ניט גערעכנט מיט דער שטרעבונג פון די יידן צו שאַפן זייערס אַן אייגענע מדינה" און „ווען מיר וואָלטן נעגירט דאָס רעכט פון יידישן פאָלק זי צו פאַרווירקלעכן"; אַז „אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון פּאַלעסטינע אַנטשפּרעכט אויך די גערעכטע שטרעבונגען פון יידישן פאָלק, וועלכע זיינען אויסן צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע מדינה אין פּאַלעסטינע, אינעם לאַנד צו וועלכן דאָס יידישע פאָלק איז צוגעבונדן מיט שטאַרקע פעדים זינט אוראַלטע צייטן". און ווידער האָט גראָמיקאָ גערעדט וועגן די „אומגעהויערע קרבנות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געבראַכט צוליב די גרוילטאָטן פון היטלעריזם אין אייראָפּע".

אַליץ איינס וואָס עס זאָל ניט האָבן פּאַסירט זינט דער צייט ווען די מיי־נונגען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, — דאָס זיינען געווען ריכטיקע מיינונגען; די אָפּשאַצונג האָט געשטימט מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

פאַר וועלכע יידן איז ישראל געשאַפן געוואָרן?

אַז איך האַלט ביי גראָמיקאָס רעדע, וועט וויכטיק זיין צו באַרירן אַזאַ ענין. דער שרייבער טאָם פּאָולי האָט אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין „פּיפּלס וואָירלד" פון 27טן דעצעמבער, 1969, וואו ער באַמערקט, רעדנדיק וועגן דער יו־ען רעזאָלוציע פון 29טן נאָוועמבער, 1947:

„לויט דער רעזאָלוציע, וואָלט די ,יידישע מלוכה', 56 פּראָצענט פון פּאַלעסטינע, געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 500 טויזנט יידן און 497 טויזנט אַראַבער. ווי לאַנג די דאָזיקע ,יידישע מלוכה' וואָלט פאַרבליבן מיט אַ יידישער מערהייט, איז אַן אָפענע פראַגע, וואָס מיר קאָנען קיינ־מאָל ניט פאַרענטפערן".

די גרויסע „פריינטשאַפט" וואָס ווערט דאָ אַרויסגעוויזן דער יידישער מלוכה איז ממש ניט אָפּצושאַצן... ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע „פריינט", ווען עס קומט צו ציפערן, האַקן זיי אַראָפּ יידישע ציפערן און הויבן אויף אַראַבישע ציפערן. ווען די יידישע מלוכה איז געגרינדעט געוואָרן, זיינען דאָרט געווען 600 טויזנט יידן, ניט 500 טויזנט. אָבער גאָר וויכטיק איז אַט וואָס. עס איז פאַלש צו זאָגן, אַז ישראל איז געגרינדעט געוואָרן פון דער יו־ען נאָר פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט, אין 1947, געפונען אין פּאַלעסטינע. אין זיין רעדע פאַר אַ יידישער מלוכה האָט גראָמיקאָ גערעדט וועגן „יידישן פאָלק", וואָס שטרעבט צו אַ מלוכה. ער האָט זייער אַ סך גערעדט וועגן די ליידן פון די יידן און וועגן געפינען אַ מקום מקלט פאַר די, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. אַט איז וואָס ער האָט געזאָגט:

„זייער אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער מלחמה אין אייראָפּע, זיינען באַרויבט פון זייערע לענדער, פון זייערע וואוינונגען, און

פון מיטלען צו מאַכן אַ לעבן. הונדערטער טויזנטער יידן וואַנדערן אַרום אי־בער די פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע, זוכן צו מאַכן אַ לעבן און צו גע־פינען אַ מקום מקלט. אַ סך זייערע זיינען אין די לאַגערן פאַר אויסגעוואָרצלטע מענטשן [די־פּי לאַגערן, — פּ. ב.], וואו זיי ליידן וויטער אין גרויס נויט״.

„...מען מעג פרעגן, צי די יו־עו, באַטראַכטנדיק די זייער ערנסטע לאַגע פון די הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער מלחמה, דאַרף ניט אַרויסווייזן אַ אינטערעס צו דער לאַגע פון די מענטשן, וועלכע זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייערע לענדער און זייערע היימען״.

„...ס׳איז נויטיק מיר זאָלן זיך קימערן וועגן די דרינגענדיקע נויטן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, אין פאַר־בינדונג מיט היטלער־דייטשלאַנד; דאָס איז אַ חוב פאַר דער יו־עו״.

די יו־עו האָט בפירוש טאַקע גענומען אין אַכט, אַז די הונדערטער טויזנ־טער יידישע די־פּי׳ס זאָלן קריגן אַ מקום מקלט אין דער נייער יידישער מדינה. עס זיינען גענומען געוואָרן אין אַכט אויך איינגעוואַנדערטע יידן, ניט נאָר די, וואָס האָבן זיך אין 1947 געפונען אין ישראל. אַזוי זעען אויס די פאַקטן, אַלץ איינס צי זיי געפעלן יאָ, אָדער ניט.

וועגן אַסימילאַציע

הכלל, אַשוויענטשים (פון איין זייט), מדינת ישראל (פון דער אַנדערער זייט) זיינען צוויי מאָמענטן פון גרויסן היסטאָרישן באַטייט, וואָס באַהעפטן די פאַרשיידענע טיילן פון יידישן פאָלק איבער דער וועלט צווישן זיך. דאָס, צוזאַמען מיט די פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, שטעלט פאַר מיט זיך אַ דאַמבע, וואָס האַמעוועט די אַסימילאַציע.

דאָ און דאָרטן קאָן זיך אימיצער אַסימילירן. מיר פירן ניט קיין קאַמף קעגן אַזעלכע „ניט־יידישע יידן״, ווי דויטשער, אָדער ווי ערענבורג, דאָ אין אַמעריקע. ניט לאַנג צוריק האָבן ציוניסטישע פירער אויפגעהויבן אַן אַלאַרם וועגן דער געפאַר פון אַסימילאַציע. דאָס איז געווען ניט נאָר אַן איבערגע־טריבענער געשריי, נאָר אַן אויסדרוק פון דעם קריזיס אינעם ציוניזם גופא, זינט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, אַן אויסדרוק פון דעם דורכפאַל פון דער פּראָגראַם פון „קיבוץ גלויות״. וואָס איז שייך אַסימילאַציע, דאַרף גע־נומען ווערן אין אַכט, אַז דורות לאַנג איז זי געווען פאַרהאַסט ביי די יידישע מאַסן — און איז פאַרבליבן אַזוי פאַרהאַסט.

די אַסימילאַציע איז אינעם יידישן לעבן אַלע מאָל געקומען פון דעם בור־זשואַזן קלאַס, פון די רייכע שיכטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון פאָלק, ניט געוואָלט פירן קיין קאַמף קעגן די פאַרפאָלגער, קעגן צאַריזם אין אַלטן רוס־לאַנד, למשל; ניט געוואָלט העלפן אויפהויבן דעם מצב פון די יידישע מאַסן. אויך דאָ אין אַמעריקע, איצט, שטעלט פאַר מיט זיך דער „אַמעריקען קאָונסיל פאָר דזשודאַאיזם״, פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע, די איינציקע יידישע גרופּירונג, וואָס איז אָריענטירט אויף אַסימילאַציע.

פון דער אַנדערער זייט, האָט דער אַרבעטער, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אומעטום דעם רוקן־ביין פון פאָלק, אַרויסגעהויבן און מיט ליבשאַפט געפּיל־נעוועט און געכאָוועט די יידישע קולטור, טאַקע אויף יידיש, געקעמפט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, געגאַנגען אין קאַמף קעגן צאַריזם, און דאָ אין אַמעריקע אויף דער פּיקעט־ליניע, מיט יידיש קאַמף־

געזאַנג, און מיט דעם לשון געיאָמערט אין די גאַז־קאַמערן, און אויף דעם לשון אויפגעהויבן די לאָזונגען פון קאַמף אין די טויט־לאַגערן, געשלאָגן זיך אונטער די לאָזונגען אין די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן אין די וועלדער.

וויפיל מאָל דאַרף מען נאָך זאָגן, אַז די טעאָריע פון דעם „שמעלץ־טאָפּ" איז באַנקראָט? אָט איז אין נאָוועמבער 1969, געווען אין שיקאַגאָ אַ צונויפקום פון אַרום 200 ספּעציאַליסטן פון עטנישע קענטענישן אין אַמעריקע. האָט מען דאָרט אונטערגעשטראָכן דעם אַמעריקאַנער קולטור־פּלוראַליזם. ס'איז אַנערקענט געוואָרן, אַז — איך ציטיר פון דער „נ. י. טאַימס" פון 19טן נאָוועמבער, 1969 — אַז „אײַרישע־אַמעריקאַנער, פּוילישע־אַמעריקאַנער און איטאַליענישע־אַמעריקאַנער זײַנען מער ניט אַזוי נייגעריק צונויפצוגיסן זייער אידענטיטעט אין דעם אויסגעטראַכטן שמעלץ־טאָפּ". עס איז ווייטער געזאָגט געוואָרן, אַז עס איז שוין לאַנג צייט געווען צו אָנערקענען „די פאַרשיידענע לעבנס־סטילן, צוגאַנגען און פּראָבלעמען" פון די אַלע, וואָס מ'האָט אָנגערופן „האַיפענעיטעד אַמעריקענס", אַמעריקאַנער מיט פאַרבינדונג־צייכנס.

ניט געקוקט אויף געוויסע אויסדרוקן פון אַסימילאַציע, פון יחידים, אָדער געמישטע חתונות, וואַקסט דער יידישער ישוב אין אַמעריקע. דער לעצטער, 1969, „אַמעריקען דזשואיש יירבוק" גיט אָן די ציפער פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע אויף פינף מיליאָן מיט 869 טויזנט — אַ וואוקס פון העכער אַ האַלב מיליאָן (502 טויזנט) אין די לעצטע צען יאָר צייט.

דאָס איז די ווירקלעכקייט. עס איז דאָ אַ יידישער ישוב, אַ וואַקסנדיקער, פון שיעור ניט אַ העלפט פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. און ער ווערט אַלץ שטאַרקער אָרגאַניזירט. אין מיינער אַן אַרבעט אין פעברואַר 1968 האָב איך אָנגעוויזן אויף קאַרגע 273 נאַציאָנאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, אין 1967. לויטן לעצטן יאָרבוך באַטרעפט די צאָל, העכער 300 — נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס; פּראָטערנאַלע, קולטורעלע, רעליגיעזע, ציוניסטישע און אַנדערע, וואָס בלויז איינצלנע זייערע האָבן טויזנטער אָפּטיילן איבערן לאַנד, מיט מאַסן מיטגלידער. למשל, דער בני ברית מיט אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער, די הדסה מיט העכער 300 טויזנט מיטגלידער, די ציוניסטישע באַוועגונג, חוץ דער הדסה, מיט אַ פּאָר הונדערט טויזנט.

די ראָל פונעם אַרבעטס־מענטשן

און אָט דאָ, אין דעם גרויסן, עקזיסטירנדיקן, וואַקסנדיקן, אָרגאַניזירטן יידישן ישוב פון אַרום זעקס מיליאָן, קומט אַריין די ראָל פון די פּראָגרעסיווע, פון אַרבעטער־עלעמענטן.

אַ פאָלק איז אַ געמיינשאַפט פון קלאַסן, פון ריכטונגען, וועלכע פירן צווישן זיך אַ געראַנגל, מוזן פירן. דאָ רוקט זיך אַרויס די ראָל פון די יידישע אַרבעטער, פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס דאַרפן העלפן באַוואָרענען, אַז די ברייטע יידישע מאַסן זאָלן זיך כסדר געפינען אויף פּאָר־געשריטענע פּאָזיציעס: וואָס דאַרפן כסדר אַרויסהייבן די פּראָגרעסיווע יידישע טראַדיציעס, טראַדיציעס פון יידישע פרייהייט־קעמפער אין משך פון דורות, אומעטום, טראַדיציעס פון אשר לעווי, חיים סאָלאָמאָן, אויגוסט באָנדי און ערנעסטין ראָוז דאָ אין לאַנד, טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער באַוועגונג און דער אַרבעטער באַוועגונג אויף יענער זייט ים.

עס איז פאַראַן דער קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם און אַוודאי קעגן דעם פּאַר־

שאַרפֿטן נאַציאָנאַליזם, דעם שאָוויניזם, גלייכצייטיק מיטן קאַמף קעגן דאָגמאַ־טיזם און ניהיליזם. דאָ האָבן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אַ היסטאָרישע ראָל צו שפּילן. און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז כּדי צו קאָנען ווירקן אין יידישן לעבן, מוז די באַזע פֿון דער יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפֿטלעכקייט געשטאַרקט ווערן. אָן אַזאַ באַזע איז מען הילפֿלאָז, איז מען צעשטויבט, קאָן מען גאָרניט אויפֿטאָן. און די באַזע ווערט פֿאַרגעשטעלט דורך די קלובן און סאָסייעטיס, עמאַ לאַזאַרוס פֿעדעראַציע, די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער־שולן, דעם איקוף און די לייען־קרייזן, די כאָרן און אָרקעסטערס פֿון יידישן מוזיק־פֿאַרבאַנד, פֿון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. און דאָ שפּילט פֿאַרשטייט זיך אַ גרויסע ראָל, אַן אַנטשיידנדיקע ראָל, קאָן מען זאָגן, די יידישע פּראָגרע־סיווע פּרעסע, אויף יידיש און אויף ענגליש. אין דער פּרעסע, אין דער טעגלע־כער „מאָרגן־פֿרייהייט", אין די זשורנאַלן „יידישע קולטור" און „זאַמלונגען", אין „דזשואיש קאָרענטס", איז די באַזע פֿאַראַליזירט, ווערן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַ גרויסער מאָס, אָדער אינגאַנצן, באַזייטיקט ווי אַ ווירקנדיקער פֿאַקטאָר אין יידישן לעבן דאָ אין לאַנד. דעמאָלט בלייבט דאָס פֿעלד אינגאַנצן אָפֿן פֿאַר יענע, וואָס זייערע אָריענטירונגען זיינען נאַציאָנאַליסטישע, אָדער גאָר שאָוויניסטישע.

טייער מוז מען האַלטן די באַזע פֿון דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעל־שאַפֿטלעכקייט! טייער מוז מען האַלטן די פּראָגרעסיווע יידישע פּרעסע!

נאַציאָנאַליזם, אינטערנאַציאָנאַליזם

מען טאָר ניט מיד ווערן אונטערצושטרייכן דעם אונטערשייד צווישן נאַ־ציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

אין משך פֿון צענדליקער יאָרן רוקן מיר אַרויס ווי אַ ביישפּיל אָלגינען, דעם אינטערנאַציאָנאַליסט, וועלכער איז געווען אַ קעמפֿער פֿאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון יידישן פֿאָלק, אַ מייסטער־בויער פֿון דער יידישער קולטור. אַזוי אַז ווען עדוואַרד באַגראַמאָוו האָט געזאָגט אין „סאָוויעט לאַיף" — ווי מיר האָבן פֿריער געזען — אַז „דאָס נאַציאָנאַלע גייט האַנט אין האַנט מיטן אינ־טערנאַציאָנאַלן" און אַז „דער אמתער אינטערנאַציאָנאַליסט האָט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און שאַצט אָפּ נאַציאָנאַלע טראַדיציעס", האָט ער נאָר באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין משך פֿון יאָרן. און אַזוי ווען ער האָט גע־שריבן: „איינער וואָס האָט ניט ליב זיין אייגן פֿאָלק איז ניט געניגט צו רעספּעקטירן אַנדערע פֿעלקער". געוויסע פּראָגרעסיווע, וואָס האָבן אַ גרינג־שאַצנדיקע באַציאונג צו אַרבעט אין די יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, צו יידי־שער קולטור־אַרבעט, צו דער יידישער פּראָגרעסיווער פּרעסע, וואָלטן זיך די ווערטער געדאַרפֿט שאַרף פֿאַרצייכענען.

עס איז מיר אויסגעקומען פֿיל מאָל אַרויסצורוקן די אויפֿגאַבע פֿון קאָ־אָרדינירן, האַרמאָניזירן, דאָס נאַציאָנאַלע מיטן אינטערנאַציאָנאַלן. עס איז ניטאָ קיין סתירה צווישן די צוויי באַגריפֿן. קעמפֿנדיק אָבער פֿאַר נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן, מוז מען דערביי נעגירן דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז בפֿירוש אין סתירה צום אינטערנאַציאָנאַלן.

וואָס באַדייט עס אין דער ווירקלעכקייט? מיר זיינען פֿאַר דאָ׳איקייט, פֿאַר בויען דאָ אין אַמעריקע אַ געזונט יידיש לעבן. אָבער אַזאַ געזונט יידיש לעבן טאָר ניט זיין איזאָלירט פֿון דעם אַלגעמיינעם, קאָן ניט זיין איזאָלירט. מיר

זאָגן — און דאָס איז ריכטיק — אַז יידן אַליין, מיט זייערע אייגענע כוחות, וועלן דעם אַנטיסעמיטיזם ניט קאָנען באַקעמפן. זיי מוזן האָבן שותפים צווישן די ברייטע דעמאָקראַטישע שיכטן פון אַמעריקאַנער פאָלק, אין דער אַרבעטער באַוועגונג און ספּעציעל צווישן די נעגער, די סאַמע פאַרפאָלגטע און דיסקרי־מינירטע. יידן מוזן זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן אַנטי־נעגערשן ראַסיזם, צוליב זייערע אייגענע, יידישע, אינטערעסן, ווי צוליב די אינטערעסן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע בכלל. און יידן מוזן זיך געפינען אין די ערשטע רייען פון די קעמפער קעגן דער וויעטנאַם מלחמה, קעגן רעאַקציע, קעגן די אולטראַס און אַזוי ווייטער. אַט די באמת הייליקע אויפגאַבן קאָנען נאָר פאַר־ראַליזירט ווערן דורך נאַציאָנאַליזם, וועלכער שאַפט סעפּאַראַטיזם, דערפירט צו שאָוויניזם.

נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און ראַסיזם

לענין האָט אָנגעוויזן, ווי מיר האָבן געזען, אַז עס דאַרף געמאַכט ווערן אַן אונטערשייד צווישן דעם נאַציאָנאַליזם פון אַ אונטערדריקט פאָלק און דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקעריש פאָלק. לויט מיין מיינונג זיינען יידן אין אַמעריקע ניט קיין אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעט, ניט געקוקט אויף דיסקרימינאַציעס און אַנטיסעמיטיזם. איך וואָלט אָבער געזאָגט, אַז אויך אַן אונטערדריקט פאָלק, אָדער נאַציאָנאַליטעט, אויך אַזאַ וואָס קעמפט קעגן אימפּעריאַליזם, דאַרף זיין אויף דער וואַך, אַז דער נאַציאָנאַליזם זאָל ניט אַרי־בערגיין אין ראַסיסטישן סעפּאַראַטיזם, זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ האַס צו אַן אַנדער פאָלק. עס דאַרף געפירט ווערן, אין דעם פאָלק גופא, אָדער נאַציאָנאַליטעט, אַ קאַמף קעגן שאָוויניזם און ראַסיזם.

אונדזער קעגנערשאַפט צום ציוניזם דרינגט אַרויס פון אונדזער צוגאַנג צום נאַציאָנאַליזם און פון אונדזער צוגאַנג צום אַנטיסעמיטיזם. מיר לייקענען אָפּ די טעאָריע, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַן אייביקע זאַך, ווי מיר לייקענען אָפּ, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט אייביק לעבן. טעאָדאָר הערצל האָט אָבער, אויסלייגנדיק די פּראָגראַם פונעם ציוניזם, אַוועקגעלייגט די טעאָריע, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אייביק און אַז יידן אַליין ברענגען דעם אַנטיסעמיטיזם אין די לענדער וואוהין זיי קומען. אונדזער קעגנערשאַפט צום ציוניזם דרינגט אַרויס פון אונדזער אָריענטאַציע אויף דאָ׳איקייט. דאָס מינערט בשום אופן ניט אונדזער אינטערעס אין ישראל, אונדזער געטריישאַפט צו ישראל, זי זאָל זיך אַנטוויקלען אין פרידן און זאָל זיין אַן אמת־דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע מדינה.

נאָך אין 1965, צוויי יאָר פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, זיינען מיר אַרויסגעטראָטן קעגן יענע ניהיליסטן אין ישראל, וועלכע האָבן אַראָפּגעשלונגען די לאָזונגען פון בען בעלאַן און נאַסערן פאַר „אָפּווישן" מדינת ישראל. די ני־היליסטן האָבן עס פאַרענטפערט דערמיט, וואָס זיי, בען בעלאַ און נאַסער, קעמפן קעגן אימפּעריאַליזם. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז די שעדלעכע לאָזונגען האָבן נאָר אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די אימפּעריאַליסטן. און לאָזונגען וועגן אָפּווישן אַן אַנדער לאַנד דאַרפן באַקעמפט ווערן אין יעדן פאַל, אַלץ איינס צי זיי העלפן דעם אימפּעריאַליזם, צי ניט.

דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם איז אָן שום ספק אַ פּאָזיטיוער פאַקטאָר, ווייל ער איז געווענדעט קעגן אימפּעריאַליזם. דאָס איז, בכלל גענומען, ריכ־טיק, — אָבער נאָר בכלל גענומען. אַן אונטערדריקט פאָלק, וואָס קעמפט קעגן

אימפעריאַליזם פאַרמאַגט אויך אין זיך רעאַקציאָנערן, שאָוויניסטן. זיי קאָ־נען אָנשטעקן דעם קאַמף מיט ראַסיזם, מיט האַס צו אַן אַנדער פאָלק. די אַראַ־בישע מאַסן, אונטערדריקטע פון דורות, זיינען פאַרוויקלט אין אַ היסטאָרישן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם. אָבער צווישן די אַראַבער זיינען דאָ רעאַקציאָנערן, באַדייטנדיקע רעשטלעך פון פעאָדאַ־ליזם, אַזעלכע ווי דער מופטי און אַנדערע, וואָס זיינען געגאַנגען מיט היטלערן. אין לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל" פון 26טן דעצעמבער, 1969, איז געווען אַ מעלדונג פון קאַירא, אַז דער נאַר־וואָס באַשטימטער געהילף צו נאַסערן, אַלס וויצע־פּרעזידענט, אַנוואַר סאַדאַט, האָט געשטיצט נאַצי־דייטשלאַנד בעת דער מלחמה און איז פאַרמישט געווען אין פאַרשווערונגען אַריבערצוברענגען עגיפּטן אויף היטלערס זייט.

אין תירוץ איז דאָ געוויס פאַראַן, אַז בשעת מען געפינט זיך אין אַ גע־ראַנגל קעגן שונא קאָן מען זיך ניט פאַרנעמען מיט אַ קאַמף קעגן די אינער־לעכע רעאַקציאָנערן, שאָוויניסטן; מ'דאַרף גיין צוזאַמען מיט אַלעמען. אָבער דאָס איז דאָך געווי וואָס געוויסע עלעמענטן אין ישראל זאָגן — אַז צוליב דעם געראַנגל קעגן שונא טאָר מען זיך ניט פאַרנעמען מיט אַ קאַמף קעגן די משה דיינס און מנחם בעגינס און די אַנדערע שאָוויניסטן, אַנעקסיאָניסטן. פאַר־קערט, מ'דאַרף זיך, הייסט עס, מיט זיי פאַראייניקן, שאַפן אַ רעגירונג פון בלומרשטער „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע". אָבער דאָס ברענגט דאָך ערשט שאָדן מדינת ישראל, גראָבט אונטער אירע אינטערעסן, שאַפט פאַר ישראל אַזאַ שלעכטן „אימעדזש" איבער דער וועלט, שפּילט אַריין אין די הענט פון „אַל פאַטאַה", פאַראַליזירט די אָנשטרענגונג פון ישראל, — אַן אָנשטרענגונג, וואָס וואָלט געדאַרפט און וואָס מוז אַנטוויקלט ווערן — אין ד'ער ריכטונג פון שלום. צוליב די דיינס און בעגינס איז די ישראל־רעגירונג צוריקגעטראָטן פון איר פריערדיקער שטעלונג, אין מאַי 1968, פאַר דער יו־ען רעזאָלוציע פון 22טן נאָוועמבער 1967; צוריקגעטראָטן צו אַ שטעלונג קעגן דער רעזאָלוציע.

פונקט ווי עס איז לעבנס־וויכטיק פאַר ישראל דער קאַמף קעגן אייגענעם שאָוויניזם און אַנעקסיאָניזם, אַזוי איז וויכטיק פאַר עגיפּטן און די אַנדערע אַראַבישע לענדער קאַמף קעגן די אייגענע רעאַקציאָנערן, שאָוויניסטן, פייער־שלינגער, געוועזענע אָנהענגער פון נאַציזם, אָדער גאָר נאַציס, וואָס האָבן זיך געגעבן מוסולמענישע נעמען. די אַנטוויקלונגען אין אַזעלכע לענדער ווי אינדאָ־נעזיע, וואו הונדערטער טויזנטער קאָמוניסטן און אַנדערע פּראָגרעסיווע זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן; די אַנטוויקלונגען אין גאַנאַ און אַנדערע לענדער פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, באַווייזן ווי לעבנס־וויכטיק עס איז דער קאַמף קעגן דער אייגענער רעאַקציע, קעגן דעם אייגענעם שאָוויניזם.

אין דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ" איז מיט אַ צייט צוריק (אַפּריל 27, 1968) אין אַן אַרטיקל פונעם סאָוועטישן היסטאָריקער א. איסקענדעראָוו, אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון נאַציאָנאַליזם אין די לענדער, וואָס קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. עס ווערט אָבער געוואָרנט, אַז דער נאַציאָנאַליזם „ווערט אויך גענוצט פון די אַרטיקע רעאַקציאָנערן". אָט דאָ, זאָגט ער, קומען צום אויסדרוק די „אינערלעכע קעגנזאַצן פון נאַציאָנאַ־ליזם, וועלכער פאַרמאָגט סיי פּראָגרעסיווע און סיי קאָנסערוואַטיווע אַספּעקטן". ער וואָרנט, אַז צוזאַמען מיט דעמאָקראַטישע טענדענצן „פאַרמאָגט דער נאַ־ציאָנאַליזם אַ רעאַקציאָנערע זייט".

עס איז קלאָר, אַז די „אַל פאַטאַה“, מיט אַלע אירע „רעוואָלוציאָנערע“ פראַזן, איז אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, ווייל איר אָפֿענער ציל איז די פאַרניכ־טונג פון אַן אַנדער מלוכה, ישראל. זאָל אַנגעוויזן ווערן, אַז די „אַל פאַטאַה“ האָט אָנהויב יאַנואַר פאַרצייכנט איר פינפטן געבורטסטאָג. זי האָט, הייסט עס, אָנגעהויבן איר טעראָריסטישע טעטיקייט צוויי יאָר פאַר דער מלחמה פון יוני 1967. דאָס באַווייזט, אַז — ניט די „אַל פאַטאַה“ טעטיקייט איז אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה, נאָר פאַרקערט — די מלחמה איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון די אומאויפהערלעכע טעראָר־אָנפאַלן אויף קיבוצים, באַגלייט מיט אָפֿענע דערקלערונגען וועגן אַ מלחמה צו „אַפּווישן“ מדינת ישראל.

קעגנערשאַפט צום ציוניזם און קאַמף פאַר אייניקייט

צוריקגייענדיק צום ענין נאַציאָנאַליזם, דאַרף מען אָנווייזן, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען יידן געווען די אונטערדריקטסטע פון די אונטערדריקטע. נאַ־ציאָנאַליזם איז דאָ געווען גאַנץ באַרעכטיקט. און מ׳קאָן פאַרשטיין פאַרוואָס דער ציוניזם איז, אויפן גרונט פון די פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, אויפגעקומען. ניט דער אימפּעריאַליזם האָט באַשאַפן דעם ציוניזם, ווי עס גייט אין דער הפקר־דיקער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. נאָר די נויט פון פאָלק. אָבער — אַלץ איינס: ווען דאָ איז דערשינען דער סעפּאַראַטיזם, ווען דער נאַציאָנאַ־ליזם האָט געקראָגן שאָוויניסטישע אויסדרוקן, מיטאַרבעטערשאַפט מיט דער צאַרישער מאַכט, מיט אימפּעריאַליזם, איז ער געוואָרן געפערלעך ניט נאָר פאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם, נאָר פאַרן יידישן לעבן גופא. דער געבורט פון די סאָציאַליסטישע ציוניסטן (ס. ס.), פון די פּועלי ציון איז דאָ געווען אַן ענטפער אויף דעם איבל. וועלכע מיינונג־פאַרשיידנקייטן מען זאָל מיט זיי ניט האָבן, דאַרף דאָס אָנערקענט ווערן. אויך דאָ דאַרף מען אָנווענדן אַ קלאַסן־צוגאַנג, שאַפן זיך אַן אַנדער באַציאונג צו אַרבעטער־ציוניסטן, צו די וואָס האָבן זיך אין רוסלאַנד באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג און האָבן מיטגעאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (לינקע פּועלי־ציון). מ׳דאַרף כסדר דיפערענצירן, ניט צונויפמישן אַלעמען אין איין טאָפּ.

מיר זוכן צו גיין מיט אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אַן אונטערשייד פון ריכטונג, אין קאַמף פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל, באַזירט אויף דער יו־ען רעזאָלוציע פון 22טן נאָוועמבער 1967 — אַ זיכערקייט וואָס זאָל גיין האַנט אין האַנט מיט פעלקער־פריינטשאַפט, פריינטשאַפט מיט די אַראַ־בישע מאַסן און פולע גלייכהייט פאַר די אַראַבער אין ישראל גופא. עס איז נויטיק אַ געאייניקטער קאַמף פון די אַראַבישע און יידישע מאַסן צוזאַמען קעגן אימפּעריאַליזם.

מיר זוכן צו גיין מיט אַלעמען לטובת אַ געזונט יידיש לעבן דאָ אין לאַנד, — אַ זאַך אין וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז פאַראינטערעסירט. מיר זוכן צו גיין מיט אַלעמען, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, אין קאַמף פאַר שלום, קעגן ראַסיזם־אַנטיסעמיטיזם. דערפאַר שטרייכן מיר אונטער דעם לאָזונג: אייניקייט!

אייניקייט, פאַר ברייטע דעמאָקראַטישע פאָלקס־צילן, איז ניט אין סתירה צו די ספּעציפישע צילן וואָס פּראָגרעסיווע האָבן פאַר זיך. אייניקייט באַדייט ניט — אָפּווישן די אייגענע פּרינציפּן; ניט פאַר אונדז באַדייט עס, ניט פאַר אַנדערע. אייניקייט באַדייט, אַז מענטשן מיט פאַרשיידענע מיינונגען און פּרינ־

ציפן גייען זיך צונויף לטובת איין באַשטימטער אויפגאַבע, אין וואָס זיי זיינען אַלע פאַראינטערעסירט. צום ביישפּיל — שלום.

מיר זוכן דעריבער צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אַנדערע עלעמענטן, כאָטש בכלל געװוינטען שטימען מיר ניט איין מיט זיי אידעאָלאָגיש. מיר זוכן צו גיין מיט ציוניסטן, למשל, ווידעראַמאָל, אין קאַמף קעגן מלחמה, קעגן ראַסיזם־אַנטיסעמיטיזם, ניט מסכים זייענדיק מיט זיי בנוגע דעם ציוניזם. אָבער דאָס באַדייט שוין אַז די אידעאָלאָגישע קעגנערשאַפט טאָר זיך ניט אויסדריקן אין דעם ביטערן קאַמף, ווי ער איז אַמאָל געפירט געוואָרן, — פאַלש געפירט געוואָרן, דאַרף מען זאָגן. אויך דאָ האָבן אַשוויענטשים — און דער געטאָ־אויפשטאַנד צוזאַמען מיט ציוניסטן — און מדינת ישראל, אַריינגעטראָגן אַן אַנדער צוגאַנג: אַ אידעאָלאָגישער קאַמף, ניט וואָרפנדיק זיך מיט עפּיטעטן, ניט פאַרקלאַפּנדיק די טירן. און אוודאי מוז מען אַרויסטרעטן קעגן דער ליניע פון די אַנטיסעמיטישע „פּראָטאָקאָלן“, וואָס רוקן אַרויס דעם ציוניזם ווי אַ מין פאַרשווערונג צו פאַרכאַפּן די וועלט. דער דאָזיקער כלומרשט אַנטי־ציוניסטישער קאַמף איז אַ ראַסיסטישער, אַן אַנטיסעמיטישער קאַמף!

איינקייט צווישן פּראָגרעסיווע

מאַסן־אַרבעט, איינקייט־אַרבעט, איז אַ קאָמפּליצירטער ענין. ביים אַפּאָרטוניסט, וואָס פאַרווישט זיינע פּרינציפּן; ביים דאָגמאַטיקער און ניהיליסט, וואָס איז מקריב יידישע פאָלקס־אינטערעסן כלומרשט צוליב העכערע צילן — און ער זשאָנגלירט ניט פאַר אידעאָלאָגישע קעגנער די שאַרפסטע עפּיטעטן — ביי זיי איז דער ענין גרינג. אָבער — דעסטרוקטיוו, שעדלעך. חרוב מאַכן איז גרינגער ווי בויען. מאַסן־אַרבעט איז אַ קאָמפּליצירטער ענין. צונויפרעדן זיך מיט אַרנטלעכע קעגנער איז אַ קונסט, קאָן מען זאָגן. דאָס פאָדערט געדולד, אַ קאָרעקטן צוגאַנג, און — פאָדערט, פּראָסט און פשוט, מ׳זאָל וויסן וואָס מען רעדט... אָבער — דאָס איז אַ דאַנקבאַרע אַרבעט, אַ היסטאָריש־וויכטיקע. נאָר דורך איר קאָן די פּראָגרעסיווע באַזע פאַרשטאַרקט ווערן, נאָר אַזוי קאָן געבויט ווערן אַ געזונט יידיש לעבן, קאָנען די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס אָפּגעהיט ווערן. נאָר אַזוי קאָנען פּראָגרעסיווע מענטשן ווירקן אין פאָלק.

אַז מען רעדט וועגן איינקייט, מעג מען אויך אונטערשטרייכן: איינקייט אין די רייען פון פּראָגרעסיווע מענטשן גופא. אַ חברשער דיאַלאָג בנוגע פראַגן, אין וועלכע מען גייט זיך פאַנאַנדער. עס איז ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן — אַזעלכע פראַגן זיינען דאָ. דאַרף מען זיך קאָנען פאַרשטיין, אָדער — מסכים זיין אויף ניט מסכים צו זיין, בנוגע געוויסע פראַגן וועלכע זיינען זייער ווייניק, כדי צו גיין צוזאַמען בנוגע זייער אַ סך פראַגן, אין וועלכע מ׳איז יאָ מסכים. עס טאָר ניט דערלאָזט ווערן צעריסנקייט, שנאה, פראַקציאָנאַליזם, וואָס קאָן אומברענגען די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. דאָס וואָלט געווען אַ היסטאָריש פאַרברעכן, וואָס אַלע וואָלטן שפּעטער באַדויערט. אָביעקטיוו גענומען וואָלט עס באַטייט — אַרבעט לטובת דער רעאַקציע. איינקייט, אַ חברשער דיאַלאָג, איז דער געבאָט פונעם מאָמענט!

מיט אחריות פאַר דער געשיכטע

מיר האָבן אויף זיך אַ גרויסע אחריות. עס איז דאָ אַ סך צו טאָן. אין דעם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד איז אַ צייט פון זוכן, פאָרשן, געפינען ענטפערס אויף

פראַגן. ספּעציעל זוכט ענטפערס די יוגנט. „וואָס איז אַ ייד? צו וואָס?" ווי דריקט זיך אויס די אידענטיפיקאַציע מיטן יידישן פאָלק און גלייכצייטיק מיט דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, מיט די אַלגעמיינע קאַמפן?

און ווייטער: ווי אַזוי זאָל די אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן האַרמאָנירן מיטן דראַנג פון די פאַרשיידענע אַנדערע מינדערהייטן דאָ אין לאַנד — די שוואַרצע, די פּאַרטאָריקאַנער, די טשיקאַנאָס, די אינדיאַנער, פאַר זייער אידענטיפיקאַציע, פאַר זייער קולטור, געשיכטע, מנהגים, קליידונג, ירושה און אַזוי ווייטער? עס איז אַ צייט פון פאָרשן און זוכן, וועגן און מעסטן, געפינען אַ וועג.

די ברייטע יידישע מאַסן קאָנען פאַרשטייט זיך ניט אָננעמען די יידישע אידענטיפיקאַציע, וואָס דריקט זיך אויס אין רעליגיע. דער טעמפּל קאָן פּרובירן אויספילן די ליידיקייט מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָבער די אַזוי־גערופענע „רעלעוואַנס" פון רעליגיע, איר שייכות צום לעבעדיקן לעבן, ווערט שוין אָפּגעפרעגט אויך אין בירגערלעכע קרייזן. עס איז דאָ אַן אַנדער אידענטיפיקאַציע — פון געבן געלט, פאַר די קהילה־פאָנדן, אָדער יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל, אָדער בכלל פאַר ישראל. קלאָר איז, אַז מיט אַזאַ אידענטיפיקאַציע אַליין וועט קיין געזונט יידיש ניט געבויט ווערן. מיר שטייען אויפן באָדן פון אַ פּראָגרעסיוו־וועלטלעך יידיש לעבן, וואָס זאָל שטימען מיט דער היינטיקערווירקלעכקייט; מיר זיינען פאַר בויען די יידישע פאָלקס־קולטור, אָפּהיטן די פּראָגרעסיווע יידישע טראַדיציעס, די טראַדיציעס פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, גייענדיק האַנט אין האַנט מיט די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן אין די קאַמפן וואָס דער מאָמענט רוקט אַרויס.

מיר זיינען פאַר בויען דאָ אין אַמעריקע אַ געזונט יידיש לעבן, ווי אַמעריקאַנער יידן, אינטערעסירנדיק זיך דערביי מיט יידיש לעבן אומעטום, ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק און זייענדיק באַזאָרגט פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל.

מיר זיינען אַ מינדערהייט, אָבער מיר האָבן וואָס בייצוטראָגן פּאָזיטיוויטאַמינען, וואָס אָן זיי וואָלט דאָס יידישע לעבן געווען אַ סך אָרעמער.

דער מאָמענט איז אַ שווערער. דער וואוקס פון דער רעאַקציע, פון די אולטראַס, דער פאַרמעסט קעגן דער אַרבעטער באַוועגונג שטעלט אונדז אויף דער פּראָבע. דער קאַמף קעגן פאַשיזם, ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם רוקט זיך אַרויס שאַרפער. אין דער זעלביקער צייט שעפּן מיר מוט פון די ברייטע קאַמפן פאַר שלום, פון דעם אויפברויז פון דער יוגנט, צווישן טיילן פון דער אַרבעטער־שאַפט, צווישן די נעגער־מאַסן. אונדזער יידישע אַרבעט איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די דאָזיקע קאַמפן, מיט דעם דאָזיקן אויפברויז. דאָ איז איר קראַפט, איר „רעלעוואַנס", איר שייכותדיקייט צום לעבעדיקן לעבן.

לאָמיר כסדר זיין באַוואוסטזיניק וועגן דעם, וואָס דער איצטיקער היסטאָרישער מאָמענט פאָדערט פון אונדז. לאָמיר פאַרנעמען אונדזער אָרט אין דעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן מיט אחריות פאַר דער געשיכטע.

אינפאָרמאַציע

די „מאָרגן פרייהייט" איז אַ טעגלעכע אידישע צייטונג. יעדן זונטאָג דערשיינט די „מאָרגן פרייהייט" אין אַ ספּעציעל פאַרגרע־סערטער אויסגאַבע פון 16 זייטן מיט אָפּטיילונגען וועגן דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג, ליטעראַטור, פאַמיליע און 2 זייטן אין ענגליש.

מען קאָן די „מאָרגן פרייהייט" אויסשרייבן פאַר יעדן טאָג און מען קאָן אויך אויסשרייבן בלויז די זונטאָגדיגע אויסגאַבע. מען קאָן די „מאָרגן פרייהייט" אויך קריגן אויף די סטענדס אין אַלע גרע־סערע שטעט פון לאַנד.

די „מאָרגן פרייהייט" פאַרמאָגט אירע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין מדינת ישראל, סאָוועטן־פאַרבאַנד, פראַנקרייך, מזרח און מערב־דייטשלאַנד און אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער איבער דער וועלט.

די „מאָרגן פרייהייט" פאַרמאָגט אַ בוך־האַנדלונג, וואו מען קאָן קריגן אידישע ביכער פון אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, רומעניע, ישראל און פראַנקרייך.

אויב איר ווילט זיך באַקענען מיט דער „מאָרגן פרייהייט" פילט אויס דעם קופּאָן און שיקט אים אונז צו.

MORNING FREIHEIT

35 E. 12th St., New York 3, N. Y.

פאַרוואַלטונג „מאָרגן פרייהייט"

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר אייער זונטאָגדיגע אויס־גאַבע פאַר אַ מאָנאַט פריי.

Name ....

Address ....

City ....

ZONE STATE

Lesley Hotel
1244 Osen Drow
Maemy Beach florad
~~one~~ ocean Beach florida